NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11173

# DERTSEYLUNGEN VEGN VILDE MENTSHN

Ide Lunsky

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בית הספרים ע"ש הג' ר' מתתיהו שטראשון ז"ל

№ 8 .1ק.5

ע"י „הצדקה גדולה" בווילנה.

אידע לונסקי.

# דערציילונגען וועגן ווילדע מענטשן

מיט בילדער.

(באַארבעט לויט פאַרשיידענע קוועלן).

6439

תרפ"ב — ווילנע — 1922.

זעצעריי פֿון דער ייד. צענטר. שול-אָרגאַניזאַציע, ווילנע.

# אינהאלט:


| | |
|---|---|
| | זייט. |
| ווילדע מענטשן אין אַווסטראַליע | 3 |
| די בושמענער | 16 |
| די עסקימאָסן | 26 |
| די האָטענטאָטן | 39 |
| די נעגערס | 46 |


דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאמפ., טראָקער 13.

# די ווילדע מענטשן אין אווסטראליע.

אַווסטראַליע איז אַ טייל פון דער וועלט, וואָס געפינט זיך אָן אַ זייט פון די איבעריקע וועלט-טיילן. זעלטן פלעגן אַהין פאַרפאָרן סוחרים און רייזנדער. דאָס לאַנד איז אַ צייט מיט יאָרן געווען וויסט, און דעריבער זיינען די ווילדע פון אַווסטראַליע פאַרבליבן אַזוי, ווי זיי זיינען געווען מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

ווען מיר וואָלטן דערזען די אַווסטראַליער, וואָלטן זיי אויסגעקומען ביי אונז אין די אויגן ווי פאַרזעעניש. זיי זיינען שוואַרץ אָדער טונקל-רויט, די הענט און די פיס זיינען דאַר, ביינערדיק, דער בויך—גרויס, דער קאָפ—לאַנג, אויסגעצויגן פון הינטן, און אינגאַנצן באַדעקט מיט געדיכטע צעשויבערטע האָר אין וועלכע ס׳קומט קיין קאַם ניט אַריין. ביי די מאַנסבילן זיינען די הענט, די פיס און די ברוסט אויך באַוואַקסן מיט האָר, דערצו טראָגן זיי לאַנגע געדיכטע בערד, וועלכע זיי האַלטן זייער טייער. די באַקביינער ביי די אַווסטראַליער זיינען זייער בולט, די ליפּן — גראָב, די אויגן — קליין און באַהאַלטן אונטערן שטערן, די נאָז — ברייט און פלאַטשיק. די אַווסטראַליער וואָלטן ניט אויסגעזען אַזוי מיאוס, ווען זיי וואָלטן געווען אַ ביסל זאַטער. דער גאַנצער אומגליק איז, וואָס זיי קומט אויס דאָס גאַנצע לעבן צו הונגערן.

די אַװסטראַליער, װאָס לעבן בײם ברעג ים, פּאַרמאָ־
אָפּט ניט קײן הײזל און קײן בײדל, זײ נעכטיקן איבער אין
הײלן, אָדער פּשוט אין גריבער צוגעדעקט פֿון אױבן מיט
צװײגן. די הײלן זײנען גאַנץ געראַמע און דאָרטן װאױנען
אָפּט עטלעכע פֿאַמיליעס צוזאַמען. בײם אַרײנגאַנג אין הײל
ברענט אַ פֿײער, װאָס די פֿרױען היטן אָפּ אַ גאַנצע נאַכט, עס
זאָל ניט פֿאַרלאָשן װערן. זײ זעען אױך, אַז די הײלן זאָלן
אױסקומען װאָס שענער. זײ מאָלן אױס די װענט מיט געש־
טאַלטן פֿון מענטשן און חיות, װעלכע זײנען בײ אונז גאָר
ניטאָ. די צײכענונגען זײערע זײנען ענלעך צו קינדערשע.

די אַװסטראַליער שלאָפֿן אין די הײלן אַלע צוזאַמען,
בעטן אונטער טרוקענע גראָז אָדער צװײגן; זײ ליגן אין־
גאַנצן נאַקעט. אױך אַז זײ שטײען אױף, טוען זײ גאָרניט
אָן, אַחוץ אַ גאַרטל פֿון ראָגאָזשע, װאָס בײ די מאַנסבּיל איז
ער קירצער און בײ די פֿרױען לענגער און דערגרײכט אָפּט
ביז די קני. אין די קאַלטע װעטערן דעקן זײ זיך צו מיט
אַ פֿעל פֿון אַ חיה, אָדער זײ לײגן זיך אַרײן אין הײסע אַ־
ש. אָפּט קומט אױס דעם אַװסטראַליער צו לײגן זיך שלאָפֿן גאָר
הונגעריק, און כּדי דער הונגער זאָל אים ניט שטאַרק נאָגן,
שטײפֿט ער זיך אַײן אין זײן גאַרטל.

װי נאָר ס׳גײט אױף די זון, גײט שױן דער אַװסטראַ־
ליער אַרױס אױף געיעג, כּדי עפּעס צו קריגן צום עסן; אױף
געיעג גײט ער מיט דער גאַנצער משפּחה; װאָרעם אַרבעט
איז דאָ אױ פֿאַר די פֿרױען, אױ פֿאַר די קינדער. די קינדער,
װעלכע קאָנען שױן גײן, גײען מיט די מוטערס; די זױג־קינ־
דער טראָגן די פֿרױען אײנגעװיקלט אין אַ פֿעל צוגעבונדן
צו דער פּלײצע, כּדי די הענט זאָלן זײן פֿרײ.

די אַװסטראַליער דערנערן זיך פֿון געיעג. אַמאָל גליקט

זיי אָפּ גיך עֶפּעס צו קריגן, אָפּטמאָל צָבער קומט זיי אויס צַרומצוגיין ביז נאַכט און גאָרניט געפינען, דאַן מוזן זיי איבער־נעכטיקן וואו עס מאַכט זיך. ניט אומעטום געפינען זיך היילן, עס קען זיי אויסקומען צו נעכטיקן אויף אַ וויסטן אָרט, וואו ס'זיינען ניטאָ קיין ביימער, צו וועלכע מע זאָל זיך קע־נען צוטוליען, אָדער אַ קוסט, וואָס זאָל פון ווינט פאַרשטעלן.

אָט פאַרוואָס דער אַווסטראַליער נעמט זיך שטענגלעך אין וועג אַריין און ווענטלעך געמאַכט פון קאָרע, אָדער געפלאָכטן פון צווייגן. די שטענגלעך שטעלט ער אַריין אין דער ערד, צו זיי בינדט ער צו די ווענטלעך, און עס איז פאַרטיק אַ הייזל, זייער ענלעך צו אַ קאָרטנשטיבל; מ'שטעלט עס אַוועק אַזוי, אַז דער ווינט זאָל אויף דעם ניט בלאָזן, און אין אַזאַ מין ביידל קומט אויס דעם אַווסטראַליער צו נעכטיקן עס־לעכע נעכט, און אַפילו וואָכן כסדר, ווען דאָס געיעג פאַר־פירט אים ווייט פון דער היים.

די ווענטלעך און די שטענגלעך טראָגן די פרויען, בכלל ווען אַלע שווערע אַרבעט ביי די אַווסטראַליער די פרויען.

ביטער איז דאָס לעבן פון דער אַווסטראַלישער פרוי. דער אַווסטראַליער, אויב ער איז שטאַרק, פלינק און אַ גע־שיקטער יעגער, האָט עטלעכע ווייבער, מיט וועלכע ער באַגייט זיך זייער שטרענג און שלעכט. אָפּט שלאָגט ער זיי מיט וואָס עס מאַכט זיך, עס טרעפט, אַז דאָס ווייב קריגט מיט אַ פלאָקן איבערן קאָפּ; און אויב זי בלייבט לעבן איז דאָס מער ניט דערפאַר, ווייל דער שאַרבן פון אַן אַווסטראַ־ליער איז אַ סך דיקער פון אונזערן. ווען עס איז דאָ ווייניק עסן, קומט איר אויס דער ערשטער צו הונגערן. פון דעם עסן, וואָס זי האָט אַליין צוגעגרייט, וואַרפט מען איר אָפּט צו די שיריים, וואָס ס'בלייבט פון די מענער.

אַחוץ די װענטלעך טראָגן אויך די פרויען ברענג־
דיקע האַלעװעשקעס.

די פרויען נעמען אויך מיט זיך די גאַנצע באַלעבאַ־
טישקייט. קליין און אָרעם איז די באַלעבאַטישקייט פון די
אַװסטראַליער, אַלץ גייט אַריין אין איין זאַק, װעלכער איז
געמאַכט פון פעל, אָדער געפלאָכטן פון צװייגן. אין דעם
זאַק, װאָס די אַװסטראַלישע פרוי טראָגט אויף זיך, געפינען
זיך פלאַכע שטיינער אויף צו רייבן קערנער אָדער װאָרצלען
פון פלאַנצונגען. פון די צעריבענע קערנער מאַכן זיי מעל
און פון דעם מעל באַקן זיי פלעצלעך אויף הייסע שטיינער;
אין זאַק געפינט זיך אויך אַזאַ מין ערד, ענלעך צו אונזער
ליים. די דאָזיקע ערד מישן זיי צו צו זייער עסן, װען עס
איז װייניק דאָ.

מעסערס און פיילן מאַכן זיי פון שטיקלעך שטיין,
װעלכע װערן צוגעקלעפּט מיט סמאָלע צו האָלץ. די העק
מאַכן די אַװסטראַליער פון האַרטע און פלאַכע שטיינער.



א שטיינערנע האַק.

װאָס זיינען אַרומגעטעשעט פונקט װי קלינעס. די שטיינער
שטעלן זיך אַריין אין אַן איינגעשפּאָלטענעם האָלץ און
בינדן אים אַרום מיט אָדערן. װייכע זאַכן, װי פלייש, למשל,
איז נישט באַקװעם צו שניידן מיט שטיינערנע מעסערס,

דעריבער באַנוצן זיי זיך בעסער מיט שאַרפע מושלען, וועלכע זיינען אויך פאַראַן אין זאַק. דאָרטן אין זאַק ליגט אויך קאָרע, פון וועלכער זיי רייסן אָן ראָגאָזשעס, און באַנוצען זיי אָנשטאָט שטריקלעך. ווייטער איז נאָך דאָרטן דאָ אַ שטיקל ווייך האָלץ, וואָס זיי רייבן אָן אַ האַרטן האָלץ, כדי צו באַקומען פייער אין דעם פאַל, אויב די האַלעוועשקע וועט זיך אויפן וועג פאַרלעשן.

קיין געפעס קומט זיי ניט אויס צו טראָגן, ווייל זיי האָבן דאָס ניט. אַפילו פּראָסטע ליימענע טעפּ קענען זיי זיך ניט מאַכן. אָנשטאָט קריגלעך אויף צום טרינקען, באַנוצן זיי מענטשישע שאַרבנס.

די ערטער, איבער וועלכע די אַוסטראַליער וואַנדערן אַרום, זיינען זייער אָרים. דאָרט זיינען דאָ ווייניק חיות און פלאַנצונגען, מיט וועלכע זיי זאָלן זיך קענען דערנערן. דאָס זיינען ערטער באַוואַקסן מיט גראָז און נידעריקעביימלעך אָדער באַדעקט מיט זאַמד און שטיינער, אויף וועלכע עס וואַקסן שטעכיקע דערנער.

די אַוסטראַליער, וואָס וואוינען ביים ברעג פון ים, באַזונדערס ביים דרומדיקן ברעג, קענען ניט זיין קיין אויסקלייבער אין עסן. זיי עסן אַלץ וואָס ס'מאַכט זיך, אַפילו דאָס, וואָס אַנדערע עסן ניט: שליירלעך, שנעקעס, פּרעש, עקדישן, מייז און קערנער פון פלאַנצונגען. אין יענע ערטער איז ניטאָ קיין ניס און קיין אַנדערע פּרות, וואָס געפינען זיך אין אַנדערע לענדער.

דעם אַוסטראַליער פון די דאָזיקע מקומות קומט אויס אָפט, זוכנדיק עסן, צו קריכן אויף אַלע פיר, אויפקלייבנדיק פאַרשיידענע פליגן און גראָבנדיק קרייטעכצער.

לעבן ברעג פון ים איז באַזונדערס ווייניק דאָ חיות

און פלאַנצונגען, און כּדי צו געפינען זיי, קומט אויס דעם אַוסטראַליער אַוועקצוגיין גאַנץ ווייט. אויפן ברעג פון ים קען מען מער ניט געפינען ווי ים־פייגלען, וועלכע נערן זיך מיט פיש. זיי זיינען גאַנץ פעט, אָבער ניט געשמאַק. ס׳פאַר־שטייט זיך, אַז דער אַוסטראַליער קען מיט זיי ניט בראַקירן. אים איז אָבער שווער צו כאַפּן זיי, ווייל ער האָט קיין אַנדערע געווער ניט אַחוץ אַ פאַרשפיצטן שטעקן.

הגם די אַוסטראַליער וואוינען ביים ברעג פון ים, דאָך זיינען זיי זייער שלעכטע פישער. זיי קענען ניט מאַכן ניט קיין שיפלעך, ניט קיין נעצן, ניט קיין ווענדעס; זיי זוכן פיש ביים ברעג און קלייבן צענויף דאָס, וואָס די ים־כוואַליעס וואַרפן אַרויס, אָדער וואָס עס בלייבט אין די גריבער נאָכן וואַסער־אָפּפלוס. אַ גרויסער יום־טוב איז ביי זיי, ווען דער ים וואַרפט זיי אַרויס אַ גרויסן פיש אַפילו אַ טויטן. זיי אַרט ניט, וואָס ער איז ניט אַזוי פריש, און זיי עסן אים מיט גרויס הנאה.

מיטן געיעג פאַרנעמען זיך אַלע: סיי די מאַנסבילן, סיי די פרויען. אַלע האָבן זיי זייער אַ שאַרפע ראיה: ס׳איז ממש צו באַוואונדערן ווי אויף אַ לאַנקע, וועל־כע ס׳איז שווער אַרומצונעמען מיטן אויג, באַמערקן זיי, וואו עס גיט זיך נאָר אַ ריר אַ גרעזעלע און עס באַווייזט זיך אַ חיהלע, וועלכע דער אַוסטראַליער נעמט גלייך נאָכ־שפירן.

די חיות פון אַוסטראַליע זיינען ניט ענלעך צו אונ־זערע, די גרעסערע זיינען מערסטנטייל ביטל־חיות. מ׳רופט זיי אַזוי דערפאַר, ווייל אויפן בויך האָבן זיי אַ ביטל, אין וועלכער זיי האַלטן זייערע קינדער. די קינדער ווערן ביי זיי געבאָרן זייער שוואַכינקע, די מוטער נעמט זיי דאַן

מיטן מויל און לייגט זיי אַריין אין בייטל און האַלט זיי דאָרט ביז וואַנען זיי ווערן גרעסער און שטאַרקער. גאָר אַ וואונדערלעכע חיה געפינט זיך דאָרט — די „נאָזקאַטשקע"; זי האָט ניט קיין ציינער און פאַרמאָגט אַ שנאָבל פון אַ פויגל; וועגן דער נאָזקאַטשקע פלעגט מען אַמאָל דערציילן זייער פיל ניסים, אַז זי לייגט אייער און זיצט אויס גאָזקאַטשקעלעך, נאָר איצט איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז זי געבוירט לעבעדיקע קינדער און זויגט זיי מיט מילך. איר נאָרע גראָבט זי לעבן טייך און דערנערט זיך מיט פליגן און ווערים.

פון די דאָרטיקע פייגלען איז באַוואוסט די „עמו". דאָס איז זייער אַ גרויסער פויגל, וואָס איז באַדעקט מיט שוואַרצע האַרטע פעדערן ענלעך צו האָר; זי קאָן ניט פליען, ווייל אירע פליגלען זיינען צו קליין; דערפאַר קאָן זי אָבער גוט לויפן, זי קאָן אַ שפרונג טאָן אויף צוויי קלאַפטער און יאָגט אַריבער דעם געשווינדסטן פערד, די „עמו" וואוינט ביים וואַסער און איר נעסט מאַכט זי דאָרט אויף דער ערד פון צווייגן. חוץ דעם פויגל, וואוינען נאָך דאָרטן אויף די ביימער פיל אַנדערע מינים. דאָס אַוסטראַלישע געוועער — דער הילצערנער שפיז מיטן שטיינערנעם מעסער — גיט ניט די מעגלעכקייט דעם מענטשן צו דערהרגענען אַ בייטל־חיה, דעריבער קליגט ער זיך און כאַפּט זי אויף אַזאַ אופן: ער יאָגט זי נאָך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד אָן אַן אויפהער ביז וואַנען די פאַרמאַטערטע חיה אָדער זי גיט זיך אונטער, אָדער זי וואַרפט זיך מיט רציחה אויפן מענטשן. נאָר דאַן איז שוין דעם פלינקן אַוסטראַליער גרינג זי בייצוקומען.

ס'טרעפט נאָך אַזאַ מין אַרט געיעג: דער אַוסטראַליער

מאַכט גריבער, באַדעקט זיי מיט צווייגן און טרייבט די חיה צו דער גרוב, די חיה פֿאַלט אַריין אַהין, דאַן איז זי שוין ביי אים אין האַנט. ביים געיעג באַנוצט מען זיך אויך מיטן הונט, וועלכער איז די איינציקע הויז־חיה אין אַוסטראַליע.

אָפּט פֿאַראייניקן זיך עטלעכע יעגער צוזאַמען, דאַן איז זיי לייכטער אויסצושפּירן די חיה און טרייבן זי אין דער זייט, וואו עס וואַרטן אויף איר די איבעריקע יעגער.

אויף געיעג נאָך דער „עמו" באַגייען זיי זיך אַזוי: איינער באַדעקט זיך מיט די פעדערן פון דעם פויגל און נאָכמאַכנדיק איר שטים גנבעט ער זיך אַריין אין מיטן מחנה פון די [illegible] און הייבט זיי אָן פלוצלונג צו שלאָגן און צו טרייבן אין יענער זייט, וואו ס'זיינען פֿאַרבאַהאַלטן די יעגער, וועלכע פֿאַלן אָן און דערהרגענען אַ סך פון זיי.

זייער אויף אַ קלוגן אופן זוכט אויס דער אַוסטראַליער האָניק: ער זעט, עס פליט אַ בין, פֿאַרשפּריצט ער זי מיט וואַסער, ווערן נאַס אירע פליגעלעך, און זי מוז זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד. דאַן נעמט דער אַוסטראַליער און קלעפּט איר צו צום קערפּער אַ פעדערל. האָבנדיק אויף זיך אַזאַ שווערע משא, שלעפּט זיך די בין פּאַמעלעך צו זיך אַהיים אין בינשטאָק אַריין. גייט איר דער מענטש נאָך ביז וואַנען זי ברענגט אים צום בוים, אויף וועלכן עס געפינט זיך דער בינשטאָק; דאַן לייגט דער אַוסטראַליער פונאַנדער אונטערן בוים אַ פייער, און מיטן רויך פֿאַרטרייבט ער די בינען. ווי זאָל ער אָבער איצט באַקומען דעם האָניק, אַז דער בוים איז אַ הויכער, אַ גלאַטער אָן שום צווייגן, אָן וועלכע מע זאָל זיך קענען אָנהאַלטן ביים אַרויפקלעטערן? דער אַוסטראַליער איז אָבער זייער געשיקט, נעמט ער זיין שטיינערנע האַק און האַקט איין אין בוים, שטעלט די פוס און האַקט ווייטער,



ווי דער אַוסטראַליער קריכט אויפֿן בוים.

האַקט און קלעטערט אַלץ העכער און העכער אַזוי ווי אויף טרעפּלעך, ביז וואַנען ער דערגרייכט דעם בינשטאָק. אויף אַזאַ אופן באַקומט ער אויף די ביימער אויך די פויגל-נעסטן.

שווער קומט אָן דעם אַווסטראַליער דאָס עסן, אָבער נאָך שווערער איז אים צו באַקומען וואַסער צום טרינקען. טייכן און אָזערעס זיינען אין אַווסטראַליע דאָ זייער ווייניק, אין די אָזערעס איז דאָס וואַסער געזאַלצן, און אַפילו דאָס געזאַלצענע וואַסער טריקנט אויך אויס פון די גרויסע היצן, וועלכע הערשן דאָרטן זייער אָפט. נאָך סימנים, וועלכע זיינען באַוואוסט נאָר דעם אַווסטראַליער אַליין, דערקענט ער אין וועלכע ערטער עס געפינט זיך וואַסער אין דער טיפעניש פון איינעם אָדער צוויי קלאַפטער. אַז ס'איז שוין גאָר שלעכט, זוכט ער פון וואָרצלען, אין וועלכע עס געפינט זיך וואַסער.

איינער אַ רייזנדער דערציילט, ווי אַזוי אַ ווילדער האָט אים געראַטעוועט פון דאָרשט: זיי זיינען ביידע געגאַנגען אין אַ וויסטן אָרט. עס איז געווען שרעקלעך הייס און זיי האָט ביידן זייער געמאַטערט דער דאָרשט. פּלוצלונג האָט זיך דער ווילדער אָפּגעשטעלט און געוויזן מיט דער האַנט אויף אַן אָרט, וואו ס'איז דאָ וואַסער. דער רייזנדער איז צוגעלאָפן האַסטיק צום אָנגעוויזענעם אָרט, אָבער מער ווי ביימער האָט ער דאָרט ניט געפונען. — „וואו איז דאָס וואַסער?" האָט ער געפרעגט ביים ווילדן. דער ווילדער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, איז צוגעלאָפן צום בוים, האָט אַ שטאָך געטאָן מיטן שפּיז אין וואָרצל און צוגעפאַלן מיטן מויל צו דער לאָך, וואָס ער האָט דאָרט געמאַכט. דער רייזנדער האָט דאָס זעלביקע נאָכגעטאָן מיט זיין מעסער

אין אַן אַנדער בוים. פריער האָט אָנגעהויבן צו טריפן טראָפּנווייז, דערנאָך האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ גאַנצער שטראָם ריין וואַסער. דער רייזנדער האָט געשטילט זיין דורשט און איז אַוועק פון בוים. — „אָט אַזוי באַדאַנקט מען דאָס פאַר אַ טובה? האָט אויסגעשריען דער ווילדער — דער בוים וועט דאָך פאַרטריקנט ווערן, אַז מע וועט לאָזן אַזוי אויס־רינען זיין זאַפט". — „וואָס־זשע דאַרף מען טאָן?" האָט פאַרשעמט געפרעגט דער רייזנדער. דער ווילדער האָט אַרויסגעגראָבן פון דער ערד צוויי שטיקער ליים און פאַר־זיכטיק פאַרקלעפּט די לעכער.

מיר האָבן געזען דעם עלנט פון די אַווסטראַליער, וועלכע וואוינען אין דרום־טייל, וואָס איז זייער אַן אָרימער געגנט. זייער גאַנצער לעבן גייט אַוועק אין זוכן עסן, דאָך פון הונגער שטאַרבן זיי ניט, און זיי האָבן נאָך גענוג שכל בייצוקומען אַלע שוועריקייטן פון זייער לעבן. עטוואָס בע־סער לעבן זייערע שכנים, די ווילדע פון צפון־טייל אַווי־סטראַליע, וואו דאָס לאַנד איז אַ ביסל רייכער און מען קען באַקומען עסן אַ ביסל גרינגער. זיי האָבן אויסגעטראַכט בעסערע געווער, ווי דער „בומעראַנג" למשל, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ אויסגעקרימט שטיק האָלץ ווי אַ סערפּ מיט איין זייט אַ פאַרשפּיצטן. די לענג פון אים איז עטוואָס מער ווי פון אַ האַלב אַרשין. די אַווסטראַליער וואַרפן אים אויף דער חיה פון זיך קעגן ווינט: פליענדיק קערט זיך דער בומעראַנג איבער און קלאַפּט די חיה מיט גרויס כח. פייגלען כאַפּן זיי אויך מיטן בומעראַנג. די רייזנדער באַוואונדערן זייער די געשיקטקייט מיט וועל־כער די ווילדע באַנוצן דעם בומעראַנג און זיי קענען עס בשום אופן ניט נאָכמאַכן. די ווילדע אַליין הייבן זיך אָן

צו לערנען אַרבעטן מיטן בומעראַנג נאָך פון קינד־
ווייז אָן.

זיי האָבן אויך ווענדעס צו כאַפּן פיש. זיי נעמען



דער אויסטראַליער וואַרפט דעם בומעראַנג.

אַ נאָגל פון אַ רויב־פויגל, בינדן אים צו צו אַ שטריקל און
דאָס דינט זיי פאַר אַ ווענדע. ביי די דאָזיקע אַוסטראַליער

איז שוין אויך דאָ שיפלעך: זיי נעמען אַ שטיק קאָרע, בינדן עס צונויף ביי די ברעגעס, אָדער זיי ברענען אויס אַ קלאָץ אינמיטן און מאַכן זיך דערפון אַ שיפל.

די ווילדע פון צפון־אַווסטראַליע האָבן שוין אויך הייזלעך, וועלכע ווערן געמאַכט פון פלעקער אַריינגעשטעק־טע אין דער ערד. די שפּאַלטן פאַרשטאָפּן זיי מיט גראָז, אָדער פאַרקלעפּן מיט ליים, דעם דאַך באַדעקן זיי מיט בלעטער אָדער מיט צווייגן צוזאַמענגעבונדענע מיט שטריק־לעך פון ראָגאָזשע.

זייערע מלבושים זיינען דיזעלביקע ווי ביי זייערע ברידער אין דרום, דאָס הייסט זיי גייען נאַקעט, און אין אַ קאַלטן וועטער דעקן זיי זיך איין פּונקט ווי יענע מיט אַ פעל. אָבער די פעל איז שוין ביי זיי בעסער אויסגע־אַרבעט.

אַט אַזוי לעבן די ווילדע אין צפון־און דרום־אַווּ־סטראַליע.

# די בושמענער.

איבער די וויסטע ערטער פון דרום=אַפריקע וואַנדערט אַרום אַ ווילד פאָלק, וואָס הייסט בושמענער. זייער לאַנד איז אַ פאַרוואָרפענער העק, ווייט פון אַנדערע לענדער. די ערד דאָרט איז ווייניק פרוכטבאַר, טויג ניט צום אַקערן און אַפילו צום פיטערן שאָף איז זי אויך ניט גינסטיק. שפעט האָבן זיך באַזעצט די ווייסע מענטשן אין דרום=אַפריקע, און די אַיינוואוינער דאָרטן, אָפגעזונדערט פון אַנ=דערע פעלקער, זיינען פאַרבליבן אָפגעשטאַנען און פירן אַ ווילדן שטייגער לעבן פול מיט עלנט און הונגער, ווי גאָר אַמאָליקע צייטן.

ביי די בושמענער וואַרפט זיך צוערשט אין די אויגן זייער קליינער וואוקס. זיי זיינען אַזוי נידעריק, אַז דער גרעסטער צווישן זיי איז ניט מער ווי אָנדערהאַלבן מעטער די הייך. די בושמענער זיינען טונקל=ברוין, הגם דעם אמתן קאָליר פון זייער לייב איז שווער צו דערקענען, ווייל זיי זיינען באַדעקט מיט אַ גראָבער שאָל פון בלאָטע, וועלכע ווערט דערפון, וואָס זיי וואַשן זיך קיינמאָל ניט. דערצו שמירן זיי זיך נאָך מיט אַ מין פעטס, צו וועלכן עס שטייט נאָך גיכער צו שטויב און שמוץ. די בושמענער האַלטן, אַז די שאָל וואַרימט זיי אין די קאַלטע ווינטערן. די גאַנצע הויט איז ביי זיי אין קנייטשן, אַפילו זייערע קליינע קינדער זיינען שוין באַדעקט מיט קנייטשן פונקט ווי אַלטע לייט.

די האָר איז בײַ זײ געגרײַזלט, װי בײַ שעפּסן, די באַק־בײנער שטײען אָפּ, דער אונטערשטער טײל פּנים שטאַרצט אַרױס, װי בײַ אַ חיה; דער בױך איז גרױס, די הענט און די פיס — דאַר. זײ גײען אײנגאַנצן נאַקעט, מער ניט אַ קלײן פּאַרטעכל פון פעל באַדעקט זײער לײַב, בײַ די פרױען איז דאָס פּאַרטעכל באַפּוצט מיט פרענז. זײ דעקן זיך אָפּט אױך צו מיט אַ פעל.

דערפאַר אָבער האָבן די בושמענער האָלט זיך צו פּוצן. פון קאָפּ ביז די פיס טראָגן זײ פאַרשײדענע צירונג. דעם קאָפּ שטעלן זײ אָן מיט פעדערן און נעגל פון די פײגל און חיות, װאָס זײ פאַנגען. אױפן האַלז טראָגן זײ פּאַטשער־קעס פון צײנער, בײנדלעך, בלעכלעך, אױף די הענט און אױף די פיס — בראַסלעטן פון מושלען און אַנדערע זאַכן. די פּוצזאַכן האַלטן זײ אַזױ טײער, אַז פאַר אַ קרענצל פּאַטשערקעס, װאָס זײַן װערט איז עטלעכע קאָפּיקעס, גיבן זײ אָפּ די טײערסטע שטרױס־פעדערן. אַ רײזנדער, װאָס האָט זיך געװאָלט באַקענען מיט זײער כּלי־זײַן, האָט געבעטן בײַ זײ אַ פײַל; די בושמענער האָבן בשום אופן ניט געגעבן, אָבער פאַר אַ קלײן טאַשנשפּיגעלע האָבן זײ אים אָפּגעגעבן אַ גאַנצן זעקל פײַלן. דאָס שפּיגעלע איז זײ זײער געפעלן געװאָרן, זײ האָבן געזוכט אױף דער אַנדער זײַט די מענטשן, װאָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט, און זעענדיק, אַז דאָרט איז קײנער ניטאָ, האָבן די בושמענער זיך דערשראָקן, און די מאַמעס האָבן ניט צוגעלאָזט צום שפּיגעלע די קינדער.

די בושמענער זײַנען אַ יעגער־פאָלק, און מיט געיעג איז פאַרבונדן זײער גאַנץ לעבן. זײ האָבן ניט קײן שטענ־דיקע װױנערטער; װאו ס'איז דאָ רויב, דאָרטן איז זײער הײם. אַז די רויב גײט אױס אין אײן אָרט, לאָזן זײ זיך

ווייטער אין וועג אַריין. זיי מאַכן ניט קיין הייזלעך, קיין ביידלעך, אַפילו קיין שטענדיקע היילן האָבן זיי אויך ניט. די בושמענער נעכטיקן איבער וואו עס מאַכט זיך: אין אַ פאַרלאָזטער הייל פון אַ חיה, אין אַ גרוב, וואָס איז נאָר־וואָס געמאַכט. אַז דער בושמענער איז גוט אויפגעלייגט, בינדט ער צוזאַמען די צווייגן פון צוויי נאָענטע ביימער, פאַרשטעלט פון דער זייט פון ווינט, און אין אַזאַ מין ביידל שלאָפט ער איבער די נאַכט; מערסטנטיילס אָבער שלאָפט ער צווישן קוסטעס, אָדער אין זאַמד, אין אַ מילבנקופּע.

ניט האָבנדיק קיין" שטענדיקע היים, האָבן די בושמענער אויך ניט קיין שום באַלעבאַטישקייט. פאַר זיי איז גענוג דאָס, וואָס מע קען טראָגן מיט זיך; אַ זאַק פון פעל, אַ שטעקן אויף אויסגראָבן געוויקסן צום עסן (דערזעלבער שטעקן דינט זיי אויך אויף אַרויסטרייבן קליינע חיות פון די היילן). די שאָל פון אַ שטרויסן־איי, אין וועלכער זיי טראָגן וואַסער, אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ, וואָס זיי רייבן איינס אָן דעם אַנדערן, כדי צו באַקומען פייער, אַ שאַרפשטיין צו שאַרפן די פיילן — דאָס איז דאָס גאַנצע האָב און גוטס זייערס.

אָבער דער טייערסטער שאַץ ביי יעדן בושמענער, מיט וואָס ער שטאָלצירט, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט צו עקסיסטירן — דאָס איז זיין געווער, זיין פיילנבויגן. דער דאָזיקער פיילנבויגן איז געמאַכט פון אַ צווייג און פאַרצויגן מיט אַ גראָבן אָדער. די פיילן זיינען פאַרשיידענע: אי בלויז פאַרשפּיצטע, אי אַזעלכע, וואָס זיינען אין שפּיץ אויפגעשפּאָלטן און דאָרטן שטעקט אַ דרייקאַנטיק שטיקל ביינדל; מערסטנטיילס אָבער באַנוצן זיי פאַרגיפטיקטע פיילן. פונוואַנען זיי נעמען דעם גיפט האַלטן די בושמענער בסוד,



בושמענישע פרויען.

נאָר די אויספּאָרשער האַלטן, אַז זיי נעמען דעם גיפט פון אַ שלאַנג און מ׳שן צו זאַפט פון גיפטיקע פלאַנצונגען. דער גיפט איז אַזאַ שטאַרקער, אַז די קלענסטע וואונד פון אַ פאַרסמטער פייל איז שטערבלעך; די בושמענער אַליין האָבן זייער מורא פאַרן גיפט און האַלטן די שפיצן פון די פיילן אין שטיקלעך פעל. אַחוץ דעם פיילנבויגן, האָבן זיי נאָך אַ קורץ שטעקל, פון איין זייט גרעבער, וואָס דינט זיי אַלס שליידערער אין חיות און פייגל. זייער געווער באַהערשן די בושמענער זעלטן גוט, זיי טרעפן אין ציל אויף אַ מהלך ווייט. זייער גאַנצע נאַטור איז ווי צוגעפּאַסט צו געיעג. וועגן זייער שאַרפער ראיה דערציילט מען וואונדער: אַ קאַפּיטאַן, וואָס ביי אים אויפן שיף איז געווען אַ געפאַנגענער בושמענישער יינגל, דערציילט, אַז דער קליינער אַפריקאַנער פלעגט דערזען מיט די אויגן אַ אָנקומענדיקע שיף, אין דער צייט, וואָס דער קאַפּיטאַן פלעגט זי קוים באַמערקן מיט זיין שפּאַקטיוו. זייער שאַרף איז אויך זייער געהער. זיי קענען אויך זייער גוט נאָכמאַכן די שטים און די באַוועגונגען פון די חיות און פייגל. אַ חיה, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן נאָכצושפּירן, וועט שוין פון זיי קיינמאָל זיך ניט אַרויסדרייען. אָט ווי אַ דייטשער רייזנדער באַשרייבט זייער געיעג אויף אַ אַנטילאָפּע (אַזאַ מין בהמה, זייער ענלעך צו אַ הירש מיט פאַרצווייגטע הערנער):

„עס זיינען געקומען ניין בושמענער, זייער אויסגעהונגערטע, פאַרשטייפט אין גאַרטלען, מיט שפּיזן אין די הענט. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה אויף אַ גלייכן מהלך ווייט איינער פון דעם אַנדערן, צווישן זיך ניט גערעדט קיין וואָרט, טאָמער פלעגט איינער באַמערקן עפּעס אַ שפּור, פלעגן זיי איבערגעבן איינער דעם אַנדערן

מיט אַ צייכן. לסוף זיינען זיי געפאַלן אויפן שפּור פון אַ אַנטילאָ־
פּע; דאַן זיינען זיי זיך צונויפגעגאַנגען צוזאַמען, און צוויי
פון זיי די יינגסטע, האָבן אָנגעהויבן זיך צוגנבענען און געקומען
צו אַ בוים, וואו עס האָט זיך געפּאַשעט אַ גרויסע אַנטילאָפּע".

דער רייזנדער גיט צו, אַז זייער זוכן און נאָכשפּירן איז געווען אַזוי ווי פון אַ הונט, והעלכער איז געוויינט צו דער יאַגד. נאָכמער בריהשאַפט ווייזן די בושמענער אַרויס אויף דער יאַגד נאָך אַ שטרויס. דאָס איז זייער אַ גרויסער פויגל, זיין הייך דערגרייכט אַ קלאַפטער, די לענג עטוואָס ווייניקער; ער האָט אַ לאַנגן רויטן האַלז, זייער הויכע פיס, דער גוף באַדעקט מיט שיינע פעדערן. די פעדערן פון אַ שטרויס גייען ביי אונז אויף באַפּוצן דאַמענהיט און קאָסטן זייער טייער. דער אומגעהייער גרויסער פויגל קען ניט פליען, דערפאַר אָבער לויפט ער אַזוי גיך, אַז ער קען זיך פאַר־וועטן מיט אַ פערד. די שטרויסן דערנערן זיך מיט געוויקסן און קליינע בעלי־חיים; זיי געפינען זיך שטענדיק אין די וואַרימע זאַמדיקע ערטער און לעבן טשאַטעסווייז. איין איי פון אַ שטרויס איז גרויס ווי 24 הינערשע אייער. אָט ווי אַזוי בושמענער פאַנגען די שטרויסן: דער יעגער טוט אָן אויפן קאָפּ די פעדערן פון אַ שטרויס, די פיס שמירט ער אויס מיט העלער פאַרב, אונטער די פעדערן האַלט ער באַ־האַלטן זיין פיילנבויגן און אַזוי דערנעענטערט ער זיך צו דער טשערעדע מיט אַזעלכע נאַטירלעכע באַוועגונגען, אַז די שטרויסן באַמערקן ניט דעם פאַלשן פויגל, אומבאַמערקט פאַר זיי שיסט דער בושמענער אויס, און אויב איינער פון די פייגל פאַלט, כאַפּט ניט דער יעגער זיין רויב, נאָר ער לויפט צוזאַמען מיט די דערשראָקענע פייגל. אַזאַ פאָרזיכ־טיקייט איז אומבאַדינגט נייטיק, וואָרעם ווען די שטרויסן

װאָלן באַמערקן דעם יעגער, װאָלט ער געקראָגן אַזאַ קלאַפּ פון זײ מיט די פּיס, אַז ער װאָלט שױן פאַרשפּאָרט זיך צו באַנוצן מיט זײן רױב. ביסלעכװײז שטײט דער בושמענער אָפּ פון די שטרױסן, און אַז די טשערעדע איז שױן װײט, דאַן ערשט נעמט דער יעגער זײן רױב און גײט אַהײם.

די בושמענער זײנען גרױסע בריות צו מאַכן נעצן, שטעלן פאַסטקעס פאַר חיות; זײ זײנען זײער דרײסטע, קײן שום סכּנה שטעלט זײ קײנמאָל ניט אָפּ. די בושמענישע קינדער כאַפּן קלײנע חיות פאַרן צונג. אַ בושמענישע פרױ האָט זיך אײנמאָל געװאָרפן אײנע אַלײן מיט אַ האַ־לעװעשקע אױף אַ לײב, װעלכער איז אָנגעפאַלן אױף איר קינד. איר האָט זיך טאַקע אײנגעגעבן צו פאַרטרײבן דעם לײב, אָבער דאָס קינד איז שױן געװען טױט; מיט האַרצ־רײסנדיקע קולות איז זי אַװעקגעלאָפן צו איר מאַן װײזן אױפן גרױסן אומגליק, װאָס זי האָט געטראָפן.

הגם די בושמענער זײנען אַזױנע פלינקע, געשיקטע יעגער, קומט זײ דאָך אױס אָפט צו הונגערן, און אָט פאַר־װאָס: ערשטנס פאַרטיליגן זײ אַ סך מער חיות, װיפל זײ דאַרפן, דעריבער װערט אַלץ װײניקער רױב אין זײער לאַנד; צװײטנס, די אַרומיקע װילדע פעלקער און די אײראָפּעער שטופן זײ אַרױס פון די בעסערע ערטער. בעת די בושמע־נער האָבן ניט װאָס צו עסן, שטילן זײ זײער הונגער מיט װאָס עס מאַכט זיך: פרעש, שלאַנגען, מוראַשקעס. דערהױפּט האָבן זײ ליב די אײעלעך פון די װײסע מוראַשקעס. זײ־עסן אױך ביטערע קירבעסן, װאָס װאַקסן דאָרט און אױך אַנדערע געװיקסן. הגם די בושמענער קענען זײער לאַנג הונגערן, פונדעסטװעגן, אַז ס'איז זײער שלעכט, לאָזן זײ זיך אױף גנבה. זײ פאַלן אָן אױף די טשערעדעס פון זײ־

ערע שכנים, די האָטענטאָטן, מיט אַ שטיין דערהרגענען זיי דעם פאַסטעך און טרייבן אַוועק אַ גאַנצע טשערעדע, דער־ביי קען מען זען ווי ווייט ביי זיי איז איינגעוואָרצלט דאָס וואַנדערלעבן: האָבנדיק אַ גאַנצע טשערעדע שאָף, האָדע־ווען זיי נים, נאָר קוילן אַלע באַלד אויס, וויפיל זיי קע־נען, עסן זיי אויף אפילו אַ סך מערער ווי זיי קענען, די איבעריקע באַגראָבן זיי אין דער ערד און עסן דערנאָך ווערימדיקע. אַז איינער אַ רייזנדער האָט געגעבן די בוש־מענער אַן עצה צו האָדעווען כאָטש ציגן, וועלן זיי האָבן מילך פאַר זייערע קליינע קינדער, האָט זיך איינער פון זיי פונאַנדערגעלאַכט און געזאָגט: „מיר־זיינען געבאָרן געוואָרן צו עסן בהמות, און ניט זיי צו געבן עסן״.

ווי שווער עס איז דעם בושמענער צו באַקומען עסן, איז אים אָבער נאָך שווערער צו באַקומען טרינקען, ווייל זיין לאַנד איז אַ טרוקנס, מיט ווייניק טייכן אָדער קוואַלן. נאָך באַזונדערע סימנים דערקענט דער בושמענער, וואו עס איז דאָ אין דער ערד וואַסער. אָפטמאָל קומט אים אויס צו גראָבן אַ גאַנצן טאָג, כדי צו באַקומען אַ הויפן וואַסער. אַז ס איז לאַנג ניטאָ קיין וואַסער, שטילן די בושמענער דעם דאָרשט דורכדעם, וואָס זיי זויגן אויס דעם זאַפט פון די געוויקסן, אין וועלכע ס׳איז דאָ וואַסער. זיי פאַלן אַמאָל אויף אַזאַ מין המצאה: אויף דעם אָרט, וואו ס׳איז ניט לאַנג געווען אַ טייכל, וואו די ערד איז נאָך פייכט, שטעלן זיי אַריין אַ שטרויספעדער, וואָס ציט אין זיך אַריין די פייכט־קייט, דערנאָך זויגן זיי עס אויס. די גאַנצע זאָרג וועגן דער באַלעבאַטישקייט, וועגן צוגרייטן דאָס עסן, וועגן קריגן וואַסער, ליגט אויף די פרויען. מיט איין וואָרט — אַלץ וואָס האָט ניט קיין שייכות צו געיעג, ליגט אויף די פרויען.

די לאַגע פון דער בושמענישער פרוי איז זייער אַ טרויעריקע. זיי — די פרויען ליידן אַ סך מערער פון שווערן וואַנדערלעבן, ווי די מענער. ווען די פרוי ווערט אַלט און קראַנק און קען שוין מער ניט טיילן דאָס שווערע וואַנדערלעבן, לאָזט מען זי איבער אויפן מיטן וועג, מע שטעלט אַוועק לעבן איר אַ ביסל וואַסער; בלייבט זי אַזוי איינע אַליין ביז וואַנען אַ רויב־חיה האָט רחמנות און מאַכט אַ סוף צו אַזאַ וויסטן לעבן.

די בושמענער האָבן זייער האָלט מוזיק און געזאַנג. אַז זיי גיט זיך איין צו קריגן ביי די אַרומיקע אייראָפּעער אַ צעבראָכענע פידל, זיינען זיי איבערגליקלעך. בעת זיי זיינען זאַט אָפּגעגעסן, פאַרברענגען זיי די צייט אין טאַנצן, שפּילן און זינגען. זיי נעמען גיך איבער פאַרשיידענע ניגונים. די מיסיאָנערן, וואָס פאַרשפּרייטן דאָס קריסטנטום אין דרום־אַפריקע, דערציילן, אַז זיי פלעגן זיין פאַרוואונדערט, ווי די בושמענער פלעגן אינאָוונט איבערזינגען די ניגונים פון די תפילות, וואָס זיי האָבן געהערט אינדערפרי. אויך האָבן די בושמענער זייער ליב צו צייכענען. אויף שטיינער, אין די ערטער וואו זיי וואַנדערן, געפינט מען אויסגעקריצט שטרויסן, אַנטילאָפּעס, און דידאָזיקע צייכענונגען זיינען גאָרניט שלעכט. מ'געפינט אויך אויסגעמאָלט גאַנצע בילדער פון זייער־לעבן, איין בילד שטעלט פאָר, ווי בושמענער טרייבן אַוועק אַ טשערעדע שאָף, וואָס זיי האָבן געגנבעט ביי די האָטענטאָטן, און די האָטענטאָטן יאָגן זיי נאָך.

מיט אַלע זייערע שכנים, די אַרומיקע פעלקער, לעבן זיי אין שטענדיקער מלחמה, פון אַלע זייטן שטופּט מען זיי אַרויס. ניט גוט לעבן זיי אויך מיט די אייראָפּעער וועלכע האָבן זיך דאָרט באַזעצט, און עס קאָן זיין, אַז גאָר אינגיכן וועט פון די בושמענער קיין זכר ניט בלייבן!



אויפן ברעג פון פארפרוירענעם ים־איינגוס א עסקימאָסישער דערפל, וואָס באשטייט פון א סך שנייהייזלעך,
דערבײַ זעען זיך זייערע שליטנס און הינט.

# די עסקימאסן.

די עסקימאָסן וואוינען אין די ווייטע קאַלטע לענדער, אויף די ברעגעס פון צפונדיקן אַייז־אָקעאַן, אין עקסטן צפון פון אַמעריקע און אויף די דערבייאיקע אינזלען, וואָס זיינען באַוואוסט אונטערן נאָמען — דער פּאָלאַרער אַרכי־פּעלאַג. מערער איז באַקאַנט דאָס לעבן פון די עסקימאָסן פון גרויסן אינזל גרענלאַנד. „גרענלאַנד" איז טייטש „דאָס לאַנד פון גרינס", אָבער אינדערעמתן איז דאָס אַ לאַנד פון אייביקן אַייז און שניי. צו די מזרח־ברעגעס פון גרענלאַנד, וועלכע זיינען געווענדט צו אייראָפּע, איז זייער שווער צוצוקומען, ווייל דער ים איז דאָרטן אַפילו זומער פאַרלייגט מיט שווימעדיקן אַייז, זיינע מערבדיקע ברעגעס זיינען גע־ווענדט צום פּאָלאַרן אַרכיפּעלאַג און טיילן זיך אָפּ פון אים מיט אַ דורכגוס; צו פרילינג באַפרייט זיך דער דרום־דיקער טייל דורכגוס פון אַייז און איז צוטריטלעך פאַר שיפן, וואָס ווייטער צו צפון איז אויך דער דורכגוס פאַר־לייגט מיט אַייז און צוקומען צו די ברעגעס איז שוין ניט לייכט. דער גאַנצער אינזל איז באַדעקט מיט שניי, אייז־בערג, פעלזן און טיפע אָפּגרונדן צווישן זיי. מערניט ביי די ברעגעס, איבערהויפּט צו דרום און צו מערב, גייט פרילינג־צייט אָפּ אַ ביסל דער שניי, און עס באַווייזן זיך פּאַסן ערד פון עטלעכע ווייאַרסט און וואו בלויז פון עטלעכע קלאַפּ־טער די גרייס. גלייך נאָכדעם, ווי עס צעגייט דער שניי,

שפּראָצן אַרויס גרעזער, מאָך, אָרעמע בלומען, ווערבעס פון אַ ווערשאָק אָדער אָנדערהאַלבן די הייך, קיין ביימער איז אָבער דאָרט ניט צו זען. די געציילטע אייראָפּעער, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט, האָבן געפּרובט פאַרזייען פאַרשיידענע גרינסן; זיי האָט זיך איינגעגעבן רעטעך, מערעלעך קרויט און אין זייער אַ וואַרימען זומער אויך אַרבעס, אָבער קיין קאָרנזאַנגען האָבן די דאָרטיקע איינוואוינער קיינמאָל ניט געזען. פרילינגס־צייט קומען אויך צו פליען פאַרשיידענע פייגל, בויען נעסטן און בריען אויס קינדער; צו די ברעגעס שווימען צו פיש, ים־הינט, וואַלפישן און אַנדערע ים־חיות; דאַן גייען אַרויס אויפן געיעג די צפון־חיות, דער פוקס, דער ווייסער בער און אַנדערע. דער ווייסער בער איז די גרעסטע און שטאַרקסטע חיה פון די צפונדיקע לענדער, ער איז אַפילו אַ נאָענטער קרוב פון אונזער בער, אָבער פיל שטאַרקער, באַדעקט מיט אַ ווייסער פעל, צוגעפּאַסט צו דער אַרומיקער סביבה, האָט שאַרפע ציינער און נעגל און דערנערט זיך מיט פיש און ים־חיות. ער קען זייער גוט שווימען, ער שפּרינגט אַריין אין וואַסער און פאַנגט די פיש. זיין בעסטער מאכל איז ים־הינט; ביים פאַנגען זיי ווייזט ער אַרויס פיל געשיקטקייט און שכל.

דער זומער אין די צפונדיקע לענדער איז זייער אַ קורצער, אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום הייבט אָן די זון וויניקער צו זיין אויפן הימל, עס ווערט טונקעלער, קעלטער, עס פאַרשווינדן די פייגל, די פיש שווימען אַוועק טיפער אין ים. עס הייבן זיך אָן שטורעמווינטן, שנייען, די זון פאַרשווינדט אינגאַנצן, עס הייבט זיך אָן די לאַנגע צפונדיקע נאַכט, וועלכע געדויערט עטלעכע חדשים און יאָגט אָן אַ אימה אויף די מענטשן און חיות. די צפונדיקע נאַכט

האָט אָבער אויך איר שיינקייט: די שטערן, די לבנה און די באַרימטע צפונדיקע שיין, וועלכע באַווייזט זיך פון צייט צו צייט אויפן הימל, אין זייער שיינע פאַרביקע פאַסן אין דער פאָרם פון אַ בויגן.

צו יענער צייט איז דאָרטן איינזאַם און וויסט. דער ווייסער בער און די דאָרטיקע אַיינוואוינער — די עסקימאָסן, זיינען די איינציקע, וואָס לעבן איבער די שרעק און די שיינקייט פון דער צפון-נאַכט.

איצטער לאָמיר זען, ווי אַזוי לעבן די דאָרטיקע איינוואוינער און וואָס טוען זיי אין די לאַנגע ווינטער-נעכט? די ישובים פון די עסקימאָסן זיינען צעוואָרפן איבער די מערבדיקע און דרומדיקע ברעגעס פון גרענלאַנד; נאָר אַ קליינער טייל פון זיי וואוינט אויפן מזרחדיקן ברעג.

די עסקימאָסן זיינען קליין-וויקסיקע, גאַנץ דיקע, זיי האָבן אַ טונקל-פאַרביקע הויט, די באַקביינער שטייען ביי זיי אָפּ, די נאָז איז זייער איינגעפלעצט. אַ רייזנדער איבער די קאַלטע לענדער האָט געזאָגט אַ וויץ, אַז פאַר די עסקימאָסן איז אַ גליק, וואָס זיי האָבן אַזאַ איינגעפלעצטע נאָז, ווייל אַ מער אַרויסגעשטאַרצטע וואָלטן זיי געוויס אָפּגעפראָרן אין קאַלטן מדבר.

די עסקימאָסן זיינען אינגאַנצן אָנגעטאָן אין פעל פון ים-הינט. די פרויען און די מענער גייען אייניג און די זעלביקע זאַכן. זיי טראָגן שטיוול, לאַנגע הויזן, אַ קורטקע; ביי די פרויען איז צו דער קורטקע צוגעמאַכט אַ מין זאַק אין וועלכן זיי טראָגן די קליינע קינדער. אויפן קאָפּ טראָגן זיי אַ היטל ענלעך צו אַ הייבל.

אויף ווינטער פאַרקריכן די עסקימאָסן אין זייערע הייזלעך אַריין, וועלכע זיי בויען פאַרשיידן. טייל הייזלעך

זיינען געבויט פון די ברעטער, וואָס דער ים שלאָגט צו צו זייערע ברעגעס (אין גרענלאַנד איז דאָך קיין געהילץ ניטאָ). די ווענט פון די הייזער זיינען טיף אין דער ערד אריין, כמעט ביזן דאַך, אויבן זיינען זיי באַדעקט מיט ערד, דער אַריינגאַנג איז אויך דורכן דאַך. די עסקימאָסן, וואָס וואוינען ווייטער צו צפון, בויען די הייזלעך בלויז פון האַרטן שניי, ווארים אַהינצו ברענגט שוין דער ים ניט קיין געהילץ. פון דעם האַרטן שניי שניידן זיי אויס טאָוולען, פונקט ווי ציגל, און מאַכן הייזלעך, וואָס זיינען פון ווייטן ענלעך צו גרויסע אייער. זיי שטעלן עטלעכע איינס לעבן דעם אַנדערן, אָנשטאָט אַ פענסטער שטעלן זיי אַריין דינע שטיקער אייז. וועגן גראַמקייט אין אַזוינע הייזלעך איז ניטאָ וואָס צו ריידן. ביים אַריינגאַנג גיט אַ שלאָג אַזאַ פאַרדומפּענער ריח, וואָס מער ניט די עסקימאָסן קענען אים אַריבערטראָגן. דער ריח קומט פון דעם, וואָס די עסקימאָסן זיינען זייער שמוציק און אויך פון דעם טשאַד פון זייערע לאָמפּן. די ווענט זיינען באַהאַנגען מיט פעל, כדי פון וואַרימקייט זאָל ניט קאַפּען, ארום די ווענט שטייען בענק. אָפּטמאָל וואוינען אין אַזאַ הייזל עטלעכע משפחות, יעדע משפחה האָט איר אָרט אויף דער באַנק, פאַר יעדער משפחה ברענט אַ לאָמפּ, וואָס איז געמאַכט פון שטיין און איז ענלעך צו אַ מושל-שיסעלע. אין די לאָמפּן ברענט דאָס פעטס פון ים-הונט, די קנויט איז געמאַכט פון מאָך. אויף די פרויען ליגט די פליכט צו פאַרריכטן דאָס קנייטל און זען, אַז דער לאָמפּ זאָל ברענען גוט. איבער יעדן לאָמפּ הענגט אַ קעסל, אין וועלכן זיי קאָכן עסן און וואַרימען אָפּ שניי, כדי צו באַקומען וואַסער צום טרינקען, ווייל כמעט דעם גאַנצן יאָר זיינען אַלע וואַסערן דאָרטן פאַרפראָרן.

ווינטער דערנערן זיך די עסקימאָסן דערמיט, וואָס זיי האָבן אָנגעגרייט זומערצייט: מיט געפּראָרענעם פלייש פון ים־הינט, מיט פיש און אַנדערע ים־חיות. זעלטן אָבער קלעקן די זאַפּאַסן אויף אַ גאַנץ ווינטער, מערסטנטייל קומט זיי אויס צו הונגערן. דאָ קען מען זען, ווי גוט זיי לעבן צווישן זיך:

ווי קליין עס זאָלן ניט זיין די זאַפּאַסן, טיילט מען זיי שטענדיק צווישן אַלע איינוואוינער פון דערפל, און אויב אין דערפל איז דאָ אַן אַלמנה אָדער אַ יתומה, מעגן זיי זיין זיכער, אַז מ׳וועט זיי ניט פאַרלאָזן, קודם־כל גיט מען די קינדער און דערנאָך טיילט מען שוין פאַר די גרויסע.

אַז ס׳איז שוין גאָר ניטאָ וואָס צו עסן, אַז מ׳האָט שוין אַרומגעגריזשעט אַפילו די פעל פון די זומער־בײַדלעך, לאָזן זיך די עסקימאָסן אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט צום ים, צו די לעכער פון די ים־הינט. די ים־הינט דאַרפן זייענדיק חיות, וואָס לעבן אין וואַסער, אָבער זיי עטעמען מיט לופט, זיי מוזן אַלע פינף מינוט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ פון וואַסער, כּדי אָנצונעמען לופט, דעריבער לאָזן זיי ניט דעם ים אין אייניקע ערטער פאַרפראָרן צו ווערן. די עסקימאָסן נעמען זייערע שליטעלעך, געשפּאַנט מיט הינט, די אייניציקע שטוביקע בעלי־חיים זייערע. די הינט, פונקט ווי די עסקימאָסן, קענען איבערטראָגן די שרעקלעכע קעלטן און הונגער; אין די גרעסטע פרעסט גראָבן זיי זיך איין אין שניי, מער ניט די מאָרדעס שטעקן זיי אַרויס. ניט גרינג איז דער וועג צום ים: די שאָטנס פון דער נאַכט יאָגן אָן אַן אימה, די שטורעם־ווינטן שיטן אָן גאַנצע בערג מיט שניי, וועלכע פאַרשטעלן דעם וועג, אָפטמאָל קומט אויס זיך צו באַהאַלטן פון דעם ווינט אין אַ שניי־גרוב, ניט איינ־



א משפחה פון עסקימאָסן קלייבט זיך אַריבער פון ווינטער-וואוינונג אין זומער-וואוינונג;
מ'שפאַנט הינט אין שליטנס און אין א זאַק איבער רוקן טראָגט א פרוי א ברוסט-קינד.

מאָל טר.פט, אַז דאָס אַייז אויפֿן ים ברעכט זיך אויף, און דער עסקימאָס ווערט דערטרונקען, הגם פֿון דעם אומגליק היט אָפּ דעם עסקימאָס דער הונט, וועלכער פֿילט די שטייפֿקייט פֿון דעם אַייז, און דאָך טרעפֿט עס ניט זעלטן. דערפֿאַר אָבער, אַז עס גיט זיך אַיין כאַפּן עטלעכע ים-הינט, איז אַ גרויסע פֿרייד אין גאַנצן דערפֿל.

די צפֿון-נאַכט, ווי לאַנג און שווער זי איז, גייט זי דאָך אַריבער; די שטערן הייבן זיך אָן אויסצולעשן, עס הייבט אָן צו גרויען אויף טאָג, עס ווערט עפּעס ניט ליכטיק, ניט פֿינסטער. אָט די צייט געדויערט אויך אַ פּאָר מאָנאַטן.

אַ רייזנד.ר איבער די צפֿון-לענדער, וואָס אים איז אויסגעקומען צו פֿאַרברענגען אַ ווינטער דאָרטן, דערציילט, ווי אַזוי ער מיט זיינע באַגלייטער האָבן ערוואַרט דעם זון-אויפֿגאַנג נאָך אַ לאַנגער ווינטער-נאַכט: זיי האָבן זיך אַלע צונויפֿגעקליבן אויפֿן דעק פֿון שיף, אַלעמענס אויגן זיינען געווען געצילט צו דעם פּונקט אין הימל, וואו עס דאַרף זיך באַווייזן די זון; פֿריער איז געוואָרן ליכטיקער, ביז די זון איז אַרויס און מיט אירע רויטע פֿאַרבן באַלויכטן דאָס אַייז-פֿעלד. אַלע האָבן געשוויגן, קיינער האָט ניט געקענט געפֿינען קיין ווערטער אויסצודריקן זיין פֿרייד. נאָר ביי איינעם האָט זיך אַרויסגעריסן: „געבענטשט זאָל זיין דער טאָג!" דער אויפֿגאַנג פֿון דער זון נאָך דער לאַנגער ווינטער-נאַכט איז דער איינציקער גרויסער יום-טוב אין אַייז-מדבר. דער רייזנדער גיט צו, אַז דאָ ערשט האָט ער פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס די אַמאָליקע ווילדע פֿלעגן פֿאַרגעטערן די זון. דעם ערשטן טאָג איז זי ווייניק געשטאַנען אויפֿן הימל און באַלד איז ווייטער אָנגעקומען די נאַכט, אָבער וואָס ווייטער פֿלעגט זי אַלץ לענגער פֿ.רבלייבן, און לכּוף

איז זי שוין אינגאַנצן ניט פאַרגאַנגען, און ס'איז אָנגעקו־מען אַן אומענדלעך לאַנגער טאָג, וועלכער ציט זיך ביי אַ צוויי מאָנאַטן. איצטער ווערט וואַרים, און עס הייבט זיך אָן אַ לעבן. ניט ווייניק פרייד טראָגט דער אויפגאַנג פון דער זון, דער אָנגעקומענער טאָג אַריין אין די הערצער פון די עסקימאָסן. זיי קריכן אַרויס פון זייערע הייזלעך, עפענען די דעכער, כדי אַלץ וואָס ס'איז אין שטוב זאָל זיך אויסלופטערן, און נעמען זיך קלייבן אין וועג אַריין: צו פרילינג פאָרן די עסקימאָסן אַריבער אויף אינזלען, כדי זיין נעענטער צום ים. די עסקימאָסן דערנערן זיך פון פישפאַנג, פון געיעג אויף ים־חיות: דער ים איז זייער שפּייַער. זיי קענען זיך ניט פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט, ווייל די ערד איז ביי זיי באַדעקט מיט אייז, זיי קענען אויך ניט האָדעווען קיין שאָף, זיי האָבן קיין פאַשע ניט פאַר זיי.

צו דער פאָרשטייענדיקער רייזע אויף די אינזלען, פרייען זיך אַלע: שוין אַוועק די צייט פון הונגער! די עסקימאָסן פאַקן איין זייער האָב און גוטס אין די שיפלעך, וועלכע באַשטייען פון אַ הילצערנער ראַם און זיינען באַצויגן מיט פעל, און וואו עס איז ניטאָ קיין האָלץ, מאַכן זיי די ראַם פון די ביינער פון אַ וואַלפיש. די אינזלען, וואוהין זיי פאָרן, זיינען פונקט אַזוי אָרים, ווי גרענלאַנד; נידעריקע ביימלעך, גרעזער, מאָך, הוילע נאַקעטע פעלזן,— דאָס איז זייער אייגנס. אָבער פאַר די עסקימאָסן איז דאָס גענוג און זיי איז זייער פריילעך אויפן האַרצן. די פרויען נעמען זיך צום בויען ביידלעך (אויף זומער מאַכן זיי ביידלעך פון פעל), איינאָרדענען די באַלעבאַטישקייט; די מענער נעמען זיך צו זייער געווער: די שיפלעך, נעצן, ווענדעס, און גייען אַוועק צום ים.

איצטער הייבט זיך. ביי זיי אָן אַ פיש־פאַנג און אַ יאַגד אויף ים־היבט. די עסקימאָסן זיינען זייער פלינק, און זייערע גרינגע שיפלעך קענען בייסטיין שטורעמווינטן. פונ־דעסטוועגן קומען פון זיי זייער פיל אום, ווערן דערטרונ־קען אין ים. מע דאַרף געדענקען, אַז זיי רינגלט אַרום נישט קיין אָפענער ים, נאָר אַ ים פאַרפולט מיט שווימעדיקן אייז. ווען אַ עסקימאָס לאָזט זיך אַוועק ווייט, וואו ער איז אָפּ־געריסן פון הילף, שטייט פאַר אים שטענדיק די געפאַר צעריבן צו ווערן פון די קריעס. נאָך יעדן פישפאַנג לויפן די פרויען צום ברעג און וואַרטן אָפּ זייערע מאַנען; און בעת אַלע קומען בשלום צוריק און עס איז דאָ געננוג רויב, איז די פרייד זייער גרויס. נאָכדעם הייבט זיך אָן די סעודה; די עסקימאָסן האָבן האָלט זייער פיל צו עסן, זיי וואָלטן ניט געקענט אַריבערטראָגן זייער קאַלטן קלימאַט, ווען זיי וואָלטן אַזוי פיל ניט געגעסן.

איינער אַ רייזנדער, וואָס אים איז אויסגעקומען בייצוזיין אויף אַ עסקימאָסישן מאָלצייט נאָך אַ לאַנגן הונ־געריקן ווינטער, דערציילט: דאָס ערשטע געריכט איז געווען אַ לעבער פון אַ ים־הונט, נאָך אַ וואַרימער, אינגאַנצן דורכ־געזאַפּט מיט בלוט; יעדערער האָט באַקומען אַ שטיק, איינ־געוויקלט אין פעטס; נאָכדעם זיינען געגאַנגען שטיקער פלייש, אָבער דער בעסטער מאכל איז געווען די קישקעס, וואָס די באַלעבאָסטע האָט פונאַנדערגענומען מיט אירע שמוציקע פינגער און יעדערן געגעבן אַ חלק פון מער ווי אַן אַרשין די לענג. זיי האָבן געגעסן, און פון אַלע זייטן האָט מען געשריען: „נאָך! נאָך!" זיי האָבן זיך אויף אַזוי פיל אָנ־געגעסן, אַז זיי זיינען געפאַלן ווי שיכורע אויף דער ערד. די טרייע ווייב, די באַלעבאָסטע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף

דער ערד לעבן איר מאַן און האָט אים נאָך געשכאָפּט אין מויל שטיקלעך פלייש, דאָס וואָס ער פלעגט ניט באַוויזן אַראָפּצושלינגען, פלעגט זי אַליין אָפּבייסן.

דער גאַנצער זומער גייט ביי די עסקימאָסן אַוועק אין יאַגד אויף ים־חיות, פייגל און פיש; דעם זומער טאָרן זיי ניט פאַרנאַכלעסיקן, ווייל איצטער דאַרפן זיי אויך אָנגרייטן אויף ווינטער. דער עיקר יאַגד איז אויף ים־הינט, זעלטן אויף וואַלפישן און ווייסע בערן. דידאָזיקע גרויסע חיות בייצוקומען איז שווער און די עסקימאָסן גייען אויף זיי אַרויס גרופּנווייז. ווען זיי דערזעען אַ וואַלפיש. פאָרן זיי צו אויף זייערע שיפלעך און וואַרפן אין אים שפּיזן, אויף יעדן שפּיז איז דאָ אַ סימן, ווען ער געהערט, כּדי דערנאָכדעם, וויסן ווי צו צעטיילן; אַז דער וואַלפיש ווערט אָפּגעשוואַכט, שלעפן זיי אים צו צום ברעג; אויב עס גיט זיך זיי איין צו כאַפּן אַ וואַלפיש, דאַן קענען עטלעכע משפחות זאַט זיין דעם גאַנצן ווינטער; אין בער שיסן די עסקימאָסן פון פייל'נבויגנס, אָדער זיי וואַרפן פונאַנדער קייקעלעך פון געפראָרענעם פעטס, אין וועלכע עס געפינען זיך צונויפגעדרייטע שטיקלעך פישביין; דער בער עסט אויף אַזאַ קייקעלע, ביי אים אין מאָגן וואַרימט זיך דאָס פעטס פונאַנדער, דאָס פישביין צעשפּרינגט און צערייסט אים די קישקעס.

גיך גייט אַוועק דער זומער און מ'דאַרף זיך שוין קלייבן צוריק אַהיים. אומעטיק ווערט דעם עסקימאָס אויפן האַרצן, ווען ער דערמאָנט זיך אָן די לאַנגע ווינטער־נעכט.

די ערשטע צייט אין האַרבסט, אַז ס'איז ניטאָ קיין שטורעם־ווינטן, מען קען נאָך גיין צום ים נאָך ים־הינט, און אין דער היים איז דאָ אַ זאַפּאַס פון זומער, איז נאָך

נישקשה. זיי גייען איינע צו די אַנדערע צו גאַסט, אָדער קלייבּן זיך צוזאַמען אין קהל־שטוב (אין יעדן דערפל איז דאָ אַזעלכע), די יונגע מיידלעך און בחורים אויסגעפּוצטע פאַרבּרענגען די צייט אין שפּילן און טענץ, די אַלטע לייט זיצן אויף די בּענק, קוקן זיך צו צו דער יוגנט, האָבּן הנאה און רויכערן דערבּיי אַ ליולקע, די פרויען זיינען אַלעמען מכבּד מיט יאַגדעס און פיש.

די עסקימאָסן האָבּן זייער האָלט זייער קאַלטן לאַנד, זייער היים, כאָטש זיי ליידן אַזוי פיל פון די שווערע בּאַדינגונגען, זיי האָפן און גלויבּן, אַז אויף יענער וועלט וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן פון די קעלטן, פון די לאַנגע ווינטער־נעכט און וועלן האָבּן זאַט אָפּצועסן. דעם גן־עדן שטעלן זיי זיך פאָר ווי אַן אָרט, וואו ס׳איז ניטאָ קיין פרעסט, און מע קען כאַפּן ים־הינט וויפיל מ׳וויל; דעריבּער, אַז עס שטאַרבּט אַ מאַנסבּיל, גיבּן זיי אים מיט אין קבר זיין שיפל און זיין געווער. צו אַ קינד אין קבר לייגן זיי אַריין אַ קאָפּ פון אַ הונט, ווייל דאָס קינד קען נאָך חלילה ניט טרעפן דעם וועג צום גן־עדן, וועט אים דער הונט בּאַווייזן.

צווישן זיך לעבּן די עסקימאָסן זעלטן גוט. יעדערער האַלט פאַר זיך נאָר אַזוי פיל, וויפיל ער דאַרף פאַר זיין געבּרויך. אויבּ אַן עסקימאָס האָט דריי שיפלעך, גיט ער איינע אַוועק דעם וואָס דאַרף עס; די רויבּ ווערט שטענדיק צעטיילט צווישן אַלע איינוואוינער אין דערפל. אין זייער שפּראַך איז גאָר קיין זידלווערטער ניטאָ. אויבּ אַן עסקימאָס איז אין כּעס, רעדט ער ניט. פאַרבּרעכער טרעפט בּיי זיי זייער זעלטן, אַפילו אַ מערדער, וואָס הרגעט אַ מענטשן, בּאַשטראָפן זיי זעלטן. אַז אַן אייראָפּעער האָט בּיי זיי גע־

פרעגט, פאַרוואָס באַשטראָפן זיי ניט דעם מערדער, האָט איין אַן עסקימאָס געענטפערט: „אויב מיר וועלן אים פאַר־משפטן צום טויט, וועלן מיר זיין פונקט אַזוינע מערדער, ווי ער". יעדער מאַנסביל, אַז ער איז געזונט, מוז אַרבעטן, ער דאַרף גיין אויף געיעג; אויב ער פוילט זיך, פאַרהאַסן אים אַלע. —

מיט די אייראָפּעער האָבן זיך די עסקימאָסן באַקאַנט לפי־ערך ניט לאַנג. עס פאָרן אַהין סוחרים, וועלכע ברענגען זיי בראַנפן, טאַבאַק, ביקסן און אַנדערע סחורות און באַ־קומען פון זיי פעל פון די צפון־חיות, פישטראָן און פיש־ביין. אויך קומען אַהין געלערנטע אויסצופאָרשן די צפון־לענדער. פריער האָבן די עסקימאָסן געמיינט, אַז זיי זיינען די איינציקע איינוואוינער אויף דער וועלט, און אַז זיי האָבן דעם ערשטן מאָל דערזען די אייראָפּעער אויף די שיפן, האָבן זיי געמיינט, אַז דאָס זיינען צו זיי געקומען געסט פון דער לבנה. קיין גוטס האָבן זיך די עסקימאָסן פון די אייראָפּעער ניט אויסגעלערנט: זיי האָבן זיך אויס־געלערנט טרינקען בראָנפן און רויכערן. צייט די עסקימאָסן קענען זיך מיט די אייראָפּעער, האָבן זיי פאַרלאָרן אַ סך פון זייערע גוטע מידות. אויך האָבן די אייראָפּעער פאַר־שלעפּט צו זיי פאַרשיידענע קראַנקהייטן, פון וועלכע זיי האָבן פריער ניט געוואוסט.



אַ האָטענטאָט׳שער דערפל.

# די האָטענטאָטן.

די האָטענטאָטן וואוינען אין מערבדיקן טייל פון דרום־אַפריקע. זיי זיינען עטוואָס נידעריקער פאַר מיטע־לער וואוקס, דער קאָליר פון לייב איז געל און זייער ענ־לעך צו דער פאַרב פון פאַרוועלקטע בלעטער; די הויט איז ביי זיי אין קנייטשן, די באַקביינער שטייען אָפּ, דאָס מויל איז ברייט, די מאָרדע שפּיציק, דער קאָפּ באַדעקט מיט געגרייזלטע האָר, וואָס וואַקסן ביינטלעכווייז, די הענט און די פיס ניט קיין גרויסע.

די מענער און די פרויען טראָגן פאַרטעכלעך. דערצו וויקלען זיי זיך איין אין אַ פעל, וואָס הייסט קראָס; דעם קאָפּ באַדעקן זיי אויך מיט אַ שטיקל פעל. צירונג און באַפּוצונג פאַרנעמט ביי די האָטענטאָטן אַ גרויסן אָרט: זיי טראָגן גאַרטלען, באַפּוצט מיט שאָלעכץ פון שטרויסן־אייער, אויפן האַלז טראָגן אי די מענער אי די פרויען פעלענע בייטעלעך, אין וועלכע זיי האַלטן אַ מעסער און אַנדערע זאַכן. אויך טראָגן זיי שטיקלעך הערנער און שילדקרעט; אויף די הענט בראַסלעטן פון העלפאַנדביין, זייער פיין פּאָלירט; אין די אויערן גרויסע קופּערנע אוירינגלעך, וועל־כע ציען אַראָפּ די אויערן ביז די אַקסלען, דערצו הענגען זיי אָן פּאַטשערקעס, שטיקלעך פּערלמוטער צו די האָר. די פרויען וויקלען אַרום די פיס פון די קני ביזן קנעכל מיט שטיקלעך פעל אַזוי פיל מאָל, אַז ס׳וואָלט געווען זייער שווער

צו באַוועגן זיך, נאָר זיי געוויינען זיך צו צו דעם פֿון קינדווייז אָן. אייניקע נוצן ברענגט דאָס זיי יע: עס פֿאַר־היט די פיס פֿון שטעכעדיקע דערנער און פֿון דעם גיפֿט פֿון שלאַנגען, וועלכע זיינען דאָרט אַזוי פיל.

דעם קערפּער שמירן די האָטענטאָטן אויס מיט אַ געמיש פֿון פֿעטס, סאַזשע און גראָז, דעם פּנים פֿאַרבן זיי.

די האָטענטאָטן זיינען פֿאַסטעכער און דערנערן זיך מיט דער מילך פֿון זייערע בהמות, זעלטן מיט רויב פֿון יאַגד. אַלס יעגער שטייען זיי אַ סך נידעריקער פֿאַר די יעגער־פֿעלקער, פֿאַר זייערע שכנים די בושמענער למשל; זיי זיינען ניט אַזוי פֿלינק און געשיקט ווי די בושמענער. דאָס געווער איז ביי זיי דאָס זעלבע וואָס ביי די בושמע־נער: פֿיילנבויגנס, שפּיזן, פֿאַרגיפֿטע פֿיילן. דעם גליקלעכן יעגער, וואָס האָט געהאַט ערפֿאָלג אויף יאַגד, גיבן אַלע אָפּ כבוד. מע רינגלט אים אַרום, מע באַרויכערט אים מיט שמעקעדיקן גראָז, דערנאָך זאַלבט מען אים מיטן אַש. די גאַנצע רויב ברענגט מען אין דאָרף אַריין, און כּל־זמן עס זיינען דאָ זאַפּאַסן, זיצט מען און מ׳עסט און מען רירט זיך ניט פֿון אָרט. דערהויפּט באַשעפֿטיקן זיך די האָטענטאָטן מיט האָדעווען פֿיך — רינדער, שעפּסן און ציגן. זייערע בהמות האָבן זיי זייער ליב, האַלטן זיי טייער, ווייל פֿון זיי האָבן די האָטענטאָטן זייער גאַנץ אויסקומעניש: עסן, קליידער און באַפּוצונג. די קליינע קינדער ווייסן קיין אַנדער שפּיל ניט ווי פֿון ליים געמאַכטע ציגן און שעפּסן. דער גאַנצער דאָרף האַלט די שאָף אין איין טשערעדע, און מ׳פּיטערט זיי נאָך דער ריי; דער פֿאַסטעך קען אַזוי גוט יעדן אָקס און יעדע בהמה פֿון דער טשערעדע, אַז ניט קענענ־דיק ציילן, באַמערקט ער דאָך גלייך, וועלכע עס פֿעלט אים;

אין יעדער טשערעדע איז אויך דאָ אַן אָקס אַ שומר, וועל־
כער היט, אַז די טשערעדע זאָל זיך ניט צעשפּרייטן. רייזנ־
דער דערציילן, אַז אין דער האָטענטאָטישער שפּראַך איז
ניטאָ קיין ווערטער פאַר דער בלויער פאַרב פון הימל,
פאַר דער גרינער פאַרב פון גראָז, נאָר דערפאַר איז פאַר־
האַן אַ סך ווערטער אויף צו באַצייכענען די פאַרבן פון די
בהמות. אויף אַ יום־טוב ביים טאַנצן מאַכט מען נאָך די
באַוועגונגען פון די בהמות. אָפט טרעפט, אַז די צוקוקער
דערקאָנען, וועלכן אָקס דער טענצער מאַכט נאָך. קליינע
יינגלעך רעדט די מוטער איין אויסצובעטן ביים פאָטער
אַ מתּנה אַ ציג; יעדערער פון די קרובים גיט אויך וואָס
ס'איז צו פון זיינע בהמות, און אַזוי אַרום באַקומט זיך
אַ קליינע טשערעדע, וועלכע דער פאָטער הייבט שוין אָן
צו האָדעווען פאַר זיין זון.

די מילך פון די בהמות עסן די האָטענטאָטן זויערע
און זיסע; זיי האַלטן דאָס אין ליימענע אָדער הילצערנע
כלים; פאַר אייזערנע האָבן זיי מורא; טאָמער קומט אַן
אייראָפּעער צו זיי נאָך מילך מיט אַ בלעכענעם קרוג, גיבן
זיי ניט, גלייבנדיק, אַז די בלעך קען שאַדן די בהמות. די
כלים וואַשן די האָטענטאָטן קיינמאָל ניט, דעריבער ווי זיי
גיסן אַריין די מילך, ווערט זי גלייך זויער. פּוטער שלאָגן
זיי אויף אין פעלענע זעק. די קי ביי זיי לאָזן זיך מעלקן
נאָר דאַן, ווען אונטער זיי איז דאָס קעלבל, זיי מעלקן
אויך די ציגן, אָבער ציגענע מילך מעגן טרינקען בלויז די
פרויען. די האָטענטאָטן דערנערן זיך דערהויפּט מיט מילכיקס,
דערצו נוצן זיי נאָך איינציקע געוויקסן, פליש עסן זיי זעלטן,
זייערע בהמות קוילן זיי נאָר לכבוד אַ גרויסן יום־טוב,
אַ חתונה, אָדער אַז ס'שטאַרבט ווער; די געפּגרטע עסן זיי

אויף אײַנגאַנצן. אַז די ענגלענדער זײַנען געקומען קיין דרום־אַפריקע, איז זיי געווען שווער צו קריגן פלייש פאַר זייער מיליטער. די געוויקסן באַקן די האָטענטאָטן אין אַש, דאָס פלייש קאָכן זיי אָדער זיי באַקן, אַלצדינג עסן זיי האַלב רוי. פריער האָבן די האָטענטאָטן ניט געוואוסט פון קיין אַנדער געטראַנק ווי מילך; די אייראָפּעער אָבער האָבן זיי אויסגעלערנט טרינקען בראָנפן, אויך רויכערן טאַבאַק.

צוליב זייער פיך קומט אויס די האָטענטאָטן צו וואַנדערן, כדי צו זוכן פאַשע און וואַסער פאַר די בהמות, ווי באַוואוסט איז דרום־אַפריקע זייער אָרים אין וואַסער. דעריבער בויען די האָטענטאָטן זייערע ביידלעך אַזוי, אַז ס׳זאָל זיי זיין לייכט צונויפצולייגן. די ביידלעך מאַכן בלויז די פרויען פון בייגעוודיקע שטעקלעך, פאַרדעקן פון אויבן מיט ראָגאָזשעס און אויך מיט פעל. די הייזלעך זיינען קיילעכ־דיקע און אַזוי קליין, אַז אַריינגיין מוז מען אויף אַלע פיר און אינעווייניק שטעלן זיך אין דער גאַנצער גרייס פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטשן איז אויך אוממעגלעך. אין מיטן הייזל איז געמאַכט אַ פייערווינקעלע און אַרום אים גריבער צום שלאָפן. די הייזלעך פון גאַנצן דאָרף זיינען געבויט איינס לעבן אַנדערן אין אַ קרייז, אין מיטן בלייבט אַ פּלאַץ, וואוהין מען פאַרטרייבט אויף ביינאַכט די ציגן און די שעפסן, די רינדער בלייבן פון אויסן. בעת די האָטענטאָטן דאַרפן אַריבערוואַנדערן אויף אַ נייעם אָרט, לייגן זיי צו־זאַמען זייערע הייזלעך מיטן גאַנצן בעלהבתישקייט, דאָס אַלץ לאָדט מען אָן אויף אַן אָקס (די אָקסן דינען ביי די האָטענטאָטן אויך אויף אַריבערפירן משאות), אויפן זעלבן אָקס זעצט זיך אַרויף די באַלעבאָסטע מיט אַלע אירע קינ־דערלעך און מען לאָזט זיך אין וועג אַריין.

די בעלהבתישקייט פון אַ האָטענטאָט איז אַ גאַנץ קליינע: עטלעכע פעלכלעך, עטלעכע ליימענע טעפּלעך, לעפל געמאַכט פון הערנער און מעסערס פון אייזן. די טעפלעך מאַכן די פרויען, די ליים נעמען זיי פון מילבנקופּעס, צו־זאַמען מיט די אייעלעך פון די מילבן; אַפריער טריקענען זיי די טעפּ אויף דער זון, דערנאָך ברענען זיי זיי אויפן פייער. די האָטענטאָטן קענען באַאַרבעטן פעל, וועלכע קומט ביי זיי אַרויס גאַנץ ווייך. פרישערהייט באַשמירן זיי די פעל מיט פעטס און מיט בהמהשע מיסט, נאָך דעם קלאַפּן זיי עס מיט שטעקלעך. די פעל נייען זיי צוזאַמען מיט אָדערן, די לעכלעך מאַכן זיי מיט פייגלשע פעדערן.

די האָטענטאָטן האָבן זייער האָלט מוזיק און געזאַנג: זיי מאַכן זיך אַ פידל פון אַ שאָלעכץ פון אַ קירבעס, אויף וועלכן זיי ציען אָן עטלעכע סטרונעס; אויך מאַכן זיי פויקן פון אַ טאָפּ, וואָס איז באַצויגן מיט אַ שעפּסענער פעל. די רייזנדער פאַרזיכערן, אַז בעת זיי שפילן אויף זייערע אינסטרומענטן, באַקומען זיך גאַנץ איינגענעמע קלאַנגען. די מיסיאָנערן פון דרום־אַפריקע לויבן זייערע שטימען; זיי זאָגן, אַז פון די האָטענטאָטן האָבן זיי צוזאַמענגעשטעלט גאַנץ גוטע קירכן־כאָרן. בעת אַ האָטענטאָט ווערט קראַנק, איז דער ערשטער מיטל לאָזן בלוט פון אַ אָדער, נאָר מערסטנטיילס רופט מען דעם מכשף, וועלכער ווייס שוין אַ תרופה צו אַלע קראַנקהייטן; אויב די קראַנקהייט פאַר־ציט זיך און דער מכשף וויל וויסן, צי ס'איז דאָ אַ האָפע־נונג, דער חולה זאָל בלייבן לעבן, נעמט ער אַ שעפּס און לעבעדיקערהייט ציט מען פון אים אַראָפּ די פעל, און אויב דער שעפּס אַנטלויפט, איז אַ סימן, אַז דער קראַנקער וועט געזונט ווערן, און אויב ניט, איז אַ סימן, אַז ער וועט

שטאַרבן. דעם טויטן באַוויינט מען, מ'וויקלט אים אַיין אין פעלכלעך און מע באַגראָבט אים, דערנאָכדעם צעוואַרפט דער גאַנצער דאָרף די הייזלעך אין צייכן פון טרויער, אַחוץ דעם הייזל פון געשטאָרבענעם, טאָמער וועט ער זיך אומקערן.



א האָטענטאָט.

איידער די אייראָפּעער זיינען געקומען קיין דרום-אַפריקע, זיינען די האָטענטאָטן געווען איינס פון די שטאַרקסטע פעלקער דאָרטן; נאָר די אייראָפּעער האָבן ביי זיי צוגענומען די ערד, זייערע בהמות און זיי אַליין געמאַכט פאַר קנעכט. די האָטענטאָטן האָבן ניט די דרייסטקייט און דעם שטאָלץ פון די אַרומיקע ווילדע פעלקער, זיי האָבן זיך ניט אַזוי אַנטקעגנגעשטעלט די אייראָפּעער, ווי די איבעריקע, דעריבער איז אַ סך פון זיי אונטערגעגאַנגען, און אַ סך האָבן זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער און פון זיי איז זייער ווייניק געבליבן; די ענגלענדער האָבן אַפילו אין זייערע קאָלאָניעס אַרויסגעגעבן אַ געזעץ צו באַפרייען די האָטענטאָטן פון קנעכטשאַפט, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט.



א נעגער־פרוי מיט א קינד אויפן רוקן מאכט ווייך די ערד מיט
א מאטיקע (גראבאייזן).

# די נעגערס.

די נעגערס וואוינען אין דעם טראָפּישן טייל אַפריקע פון אַטלאַנטישן ביזן אינדישן אָקעאַן. דאָרט ציען זיך סטעפּעס מיט אַזאַ הויכן גראָז, אַז אין אים קען זיך באַהאַלטן אַ רייטער מיט זיין פערד; אויך גייט דאָרט אַ פּאַס געדיכטע אוראַלטע וועלדער, וואו מ׳קען זיך מאַכן אַ וועג נאָר מיט אַ האַק אין דער האַנט. צווישן דיביימער, וועלכע וואַקסן אין די אַפריקאַנישע וועלדער, זיינען די וויכטיקסטע די פּאַלמען; דאָס זיינען הויכע ביימער מיט גלאַטע שטאַמען מיט לאַנגע געפעדערטע בלעטער אויפן שפּיץ. די פּאַלמען ברענגען זייער פיל נוצן די אַפריקאַנער: די פּירות פון די פּאַלמען עסן זיי, פון דעם זאַפט מאַכן זיי אַ געטראַנק — פּאַלמענוויין, פון דער קאָרע — קליידער, מיט די בלעטער באַדעקן די נעגערס די דעכער פון זייערע הייזער. אין אַפריקע זיינען דאָ טייטל-פּאַלמען און איילבערט-פּאַלמען, אויך וואַקסן דאָרט פלאַנצונגען מיט פרוכטוואָרצלען, צווישן וועלכע עס איז באַוואוסט דער מאַניאָק מיט קליינע בלעטער און מיט וואָרצלען ענלעך צו בוריקעס. אַחוץ דעם וואַקסן דאָרט באַנאַנען, אַ געוויקס מיט גרויסע בלעטער און מיט פרוכט ענלעך צו אוגערקעס, אויך באָב, אַרבעס, קירביסן, קאַוועס און אַנדערע; אָבער דאָס ברויט פון די אַפריקאַנער איז הירזש, וואָס מ׳זייט זייער פיל אין אַפריקע, וואו נאָר ס׳איז מעגלעך צו זייען הירזש, וואוינען דאָרט נעגערס און פאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט.

דער נאָמען נעגער שטאַמט פון לאַטיין און איז טייטש — שוואַרץ. אָבער עס זיינען דאָ נעגערס ברוינע און אַפילו געלע אויך. דער נעגער איז פון מיטעלער וואוקס, דער קאָפּ באַדעקט מיט געקרייזלטע האָר, אַ באָרד איז בײַ זיי אַ זעלטנהייט. די באַקביינער שטייען ביי די נעגערס אָפּ, די ליפּן זיינען גאַנץ דיקע, דער האַלז איז אויך אַ דיקער די הענט און די פיס אין פאַרגלייך מיטן קערפּער זיינע גאַנץ לאַנגע. ווי אַלע ווילדע האָבן די נעגערס זייער ליב זיך צו פּוצן: זיי זאָרגן, אַז די האָר זאָל זיין פיין פאַר-ן קאַמט, אין נאָז, אין די אויערן, אין די ליפּן מאַכן זיי לעכער, וואו זיי טוען אַביין פאַרשיידענע מיני צירונג. אויפן האַלז, אויף די הענט און די פיס טראָגן זיי בראַסלעטן פון ציינער, מושלען און פון פעל. טייל צירונג טראָגן זיי אַלס קמיעות, וועלכע פאַרהיטן זיי פון שלעכטס — אַזוי גלייבן זיי. די נעגערס זיינען גאַנץ ציכטיקע, זיי וואַשן זיך אָפט נאָכדעם באַשמירן זיי דעם קערפּער מיט פעטס, כדי צו פאַרהיטן זיך פון די הייסע זונען-שטראַלן. די ציינער וואַשן זיי מיט בערשטעלעך נאָך יעדן עסן.

די נעגערס טוען זיך אָן אין זאַכן פון קאָרע, די קאָרע-ווייקן זיי פריער אין וואַסער, נאָכדעם קלאַפּן זיי זי מיט אַ האַמער אויף אַ קלאָץ; פון קלאַפּן ווערט די קאָרע פונאַנדערגעצויגן און ווייך. די גאַנצע באַקליידונג באַשטייט ביי אַ סך נעגערס פון אַ גאַרטל פון קאָרע. די נעגערס, וואָס וואוינען נאָענט צו די אייראָפּעער, טראָגן אייראָפּעאישע קליידער.

ווי עס איז שוין פריער געווען דערמאָנט, פאַרנעמען זיך די נעגערס מיט ערדאַרבעט. פון אַלע ווילדע פעלקער זיינען די נעגערס די בעסטע און די פלייסיקסטע ערד-

אַרבעטער. פאַרהאַן נעגער־פעלקער, וואָס פאַראַכטן די ערד־אַרבעט און באַשעפטיקן זיך מיט האָדעווען שאָף און אַנדערע זייגעדיקע ערדאַרבעטער און פאַסטעכער, אָבער דאָס רוב נעגערס זיינען נאָר ערדאַרבעטער.

די נעגערס באַאַרבעטן די ערד מיט פאַרשפּיצטע שטעקנס, רידלען, יעטאַייזנס. דאָך זיינען ביי זיי די פעלדער אויסגעצייכנט באַאַרבעט. אַן ענגלענדער, וועלכער האָט אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט צווישן די נעגערס, דערציילט, אַז ער האָט פריער געהאַט בדעה צו לערנען די נעגערס באַאַרבעטן די ערד, דערנאָך אָבער האָט ער איינגעזען, אַז ער דאַרף זיך גאָר ביי זיי לערנען.

אינדערצייט פון שניט קלייבן זיך די נעגערס אַריבער אין פעלד גאַנצע דערפערווייז. דאָרטן שטייען ביידלעך מיט שומרים, וועלכע צעטרייבן די פייגל, בהמות און אַנדערע מזיקים פון דער צייטיקער תבואה. די נעגערס האָבן זיך אויסגעלערנט פון די אייראָפּעער זייען ווייץ, גערשטן, טאַבאַק און קאַרטאָפל, זיי קאָנען מאַכן מעל פון הירזש און פון אַנדערע קערנער. אויך קענען זיי מאַכן געטראַנקען, ווי ביר, פאַלמענוויין און דאָס גלייכן. גרויסע שטיקער פעלד רייניקן זיי אָפּ און פאַרוואַנדלען עס אין פעלדער. דיביימער פאַרברענען זיי און מיט דער אַש באַמיסטיקן זיי די פעלדער; גאָר גרויסע ביימער פאַרניכטן זיי דערמיט, וואָס זיי נעמען אַראָפּ די קאָרע, ווערט דער בוים פאַרטריקנט, דאַן איז שוין גרינג אים אויסצוהאַקן. ביי די ברעגעס פון די פעלדער פאַרזעצן זיי דערנער, וועלכע נעמען זיך גרינג צו און עס ווערט פון זיי אַ פאַרקאַן. די פעלדער ווערן אָפּגערייניקט פון ווילדע גרעזער.

הגם די נעגערס זיינען באַקאַנט מיט אַייזן, קענען

עס שמידן, פונדעסטוועגן באַנוצן זיי ניט קיין אַקער, ניט קיין אייזערנעם רידל; זיי גלויבן, אַז דאָס אייזן פאַרטרייבט דעם רעגן פון פעלד. דעם אַקער באַנוצן זיי ניט אויך צוליב נאָך אַ סיבה: די ערד איז ביי די נעגערס זייער פרוכטבאַר, דאָרט וואַקסט אַלץ זייער גוט, אַ סך געוויקסן לאָזן לאַנגע טיפע וואָרצלען, און מיטן אַקער וואָלטן זיי ניט געקענט אַרויסנעמען די וואָרצלען פון דער ערד.

נאָכדעם ווי דאָס פעלד איז צעאַקערט, וואַרט מען אויף אַ רעגן, ווייל אַניט איז די ערד צו האַרט צום זייען. נאָכן רעגן קומט דער נעגער אין פעלד אַריין און מאַכט מיט אַ באָרוועסן פוס גריבלעך, שיט אַריין די קערנער און פאַרדעקט מיט דעם באָרוועסן פוס. איצטער, אַז ס׳וועט זיין גענוג רעגן, וועלן די פעלדער זיין געראָטן.

פון די פעלדאַרבעטן בלייבט נאָך איצטער איבער דאָס יעטן; צו דעם צוועק נוצט דער נעגער אַ מכשיר, וואָס איז זייער ענלעך צו אַ סערפּ; אין דער טראָפּישער אַפריקע איז דאָ נאָר צוויי צייטן פון יאָר — אַ רעגנצייט און אַ טרוקענע. אין צפון-אַפריקע קומט אויס די רעגנצייט ווען ביי אונז איז זומער, אין דרום — ווען ביי אונז איז ווינטער. ניט אין אַלע ערטער גייט דער רעגן אין אַ גלייכער מאָס: אין די נידעריקע ערטער גייט מערער, אין די ערטער, וואָס ליגן נאָענט צו מדבריות, וואו עס בלאָזט אַ טרוקענער ווינט, ווייניקער.

די גאַנצע ערדאַרבעט הענגט אָפּ ביים נעגער פון דער רעגנצייט; אויב ס׳איז ווייניק רעגן, טרעפט אויך דאָרטן הונגער, כאָטש די ערד איז דאָרט זייער אַ פרוכטבאַרע. די דאָרטיקע תבואה, די הירזש, זייט מען אין דער האַרבסטיקער רעגנצייט. די הירזש פאָדערט זייער פיל זאָרג: בשעת

ס'איז יונג, דאַרף מען עס אָפּהיטן פון שנעקן, נאָכדעם פון פייגל און בהמות, מען דאַרף עס יעטן און אַרומרייסן די איבעריקע בלעטער. אין דער צייט, וואָס די הירזש איז אויפן פעלד, זייט מען אויך קאַרטאָפל און באָב, וועלכע וואַקסן גיך און גיבן שטענדיק די תבואה. ווען מען נעמט אַראָפּ די הירזש פון פעלד, פאַרזייט מען אַן אַנדער זאַך. די צייטיקע זאַנגען שניידן די נעגערס מיט אַ מעסער, דאָס איבערגעבליבענע שטרוי פאַרברענען זיי. די זאַנגען דרעשט מען אויף גלאַטע שטיינער מיט שטעקלעך.

פאַרבאַהאַלטן די פאַרטיקע תבואה איז פון די שווער-סטע זאַכן אין אַפריקע. דער ברויט-וואָרים, די ווייסע מילבן — דאָס זיינען די שונאים פון דער תבואה און שווער איז מיט זיי צו האַלטן מלחמה. די נעגערס שטעלן זייערע שפּייכלער אין דער הייך, אָבּט — איבער זייערע הייזלעך. דאָס אַלץ העלפט אָבער ווייניק. דעריבער מיען זיך די נעגערס וואָס ווייניקער תבואה צו באַהאַלטן און בעסער ברייען ביר. פון די הירזש מאַכן זיי מעל און באַקן אַזוינע פלעצלעך אָנשטאָט ברויט. די קערנער מאָלן זיי אויף מיל-שטיינער, אָדער זיי שטויסן אין סטופּעס. אויך קאָכן זיי פון דעם הירזשענעם מעל קאַשע; מיט מילך אָדער פלייש קאָכן זיי זייער זעלטן. קיין פלייש פון אַ קו עסן זיי אינ-גאַנצן ניט, פון אַן אָקס יאָ, אָבער בלויז בשעת אַ גרויסן יום-טוב. די נעגערס האָבן זייער האָלט געטראַנקען, ביר און פאַלמענוויין; זיי מאַכן זיך אָפט יום-טובים און פאַר-שיכורן זיך ביזן טאָג אַריין, דעריבער זינגען זיי און טאַנצן.

די נעגערס די ערדאַרבעטער ליידן זייער פיל פון זייערע שכנים די וואַנדער-שבטים. די דאָזיקע שבטים פאַלן אָן אויף די ערדאַרבעטער, צעראַבירן זייערע דערפער און

פּאַרקנעכטן זיי. דעריבער בויען די נעגערס ערדאַרבעטער זייערע הייזלעך אַזוי, אַז ס'זאָל זיין גרינג זיי איבערצוטראָגן; זייערע הייזלעך זיינען ענלעך צו בינשטאָקן: קליינינקע, געמאַכט פון צווייגעלעך, וואָס זיינען אַריינגעקלאַפּט אין דער ערד און אויבן צונויפגעבונדן. פון דרויסן זיינען די הייזלעך באַדעקט מיט גראָז אָדער מיט פעל. קיין פענסטער האָבן ניט די הייזלעך, די שיין גייט אַריין דורך דער טיר פונוואַנען עס גייט אויך אַרויס דער רויך. דעם פייערהאַרד, מאַכן זיי לעבן דער טיר. די באַלעבאַטישקייט אין אַזאַ שטיבל איז זייער קליין: עטלעכע הילצערנע בענק, עטלעכע פעלכלעך, ליימענע קריגלעך און טעפּלעך אויף האַלטן וואַסער און קאָכן—דאָס איז גאָר. זייערע הייזלעך בויען די נעגערס צווישן די פעלדער און בילדן דאָרטן גאַנצע דערפלעך; יעדעס דערפל געפינט זיך אין אַן אָרט, וואָס איז אַרומגעוואַקסן מיט געדיכטע שטעכעדיקע דערנער; די צווייגן פון די דערנער בינדן זיי נאָך צוזאַמען, אַז זיי זאָלן זיין נאָך געדיכטער, און אַרום מאַכן זיי אַ פּאַרקאַן. אָפט שטעקן זיי אַן אין דער ערד מיט סם באַשמירטע פּלעקלעך קעגן דעם שונא, וואָס קען באַפאַלן זייער דערפל. אַרום מאַכן זיי נאָך אַ גרויסן גראָבן. די נעגערס די ערדאַרבעטער לעבן אַלזאָ אין גרויס מורא; זיי זיינען ניט אַזוי געשיקט אין דער מלחמה, ווי די וואַנדער-פעלקער. ס'איז דאָ אַזוינע ערטער, וואו די איינוואוינער לאָזן אַ וואַך, בעת זיי גייען אַוועק אַרבעטן אין פעלד און נאָכן ערשטן סיגנאַל אַנטלויפן זיי אַלע אין די באַפעסטיקטע דערפלעך. אויך האָבן זיי שטעט, וועלכע זיינען באַפעסטיקט אַזוי ווי די דערפלעך; אָפט טרעפן אין די שטעט מערק, וואו ס'קומען זיך צוזאַמען פון די אַרומיקע דערפלעך פיל איינוואוינער קויפן און פאַרקויפן.

דאָס לעבן אויף איין אָרט האָט געגעבן די נעגערס אַ-מעגלעכקייט אַנטוויקלען ביי זיך מלאכות: דעם ערשטן אָרט פאַרנעמט ביי זיי שמידעריי. אייזן איז ביי זיי אין לאַנד דאָ גענוג, און זיי מאַכן פאַרשיידענע מינים געווער, מעסערס און אַנדערע מכשירים פון אייזן. אויך קענען זיי מאַכן ליימענע כלים. די דאָזיקע מלאכה ליגט אינגאַנצן אויף די פרויען. זיי מאַכן עס אָן אַ טעפּערשן ראָד. זיי קענען אויך פלעכטן ראָגאָזשעס און קערב, און אַפילו מיט וועבעריי זיינען זיי אויך באַקאַנט.

די נעגערס, ווי אַלע ווילדע פעלקער, פאַרגעטערן לעבעדיקע און טויטע געגנשטאַנדן: די זון, די לבנה, פאַרשיידענע חיות. פאַר די דאָזיקע געטער ברענגען זיי קרבנות און אָפט מענטשישע. די נעגערס גלייבן, אַז די וועלט האָט געשאַפן אַ גייסט, וואָס געפינט זיך אין הימל, ער האָט אויך באַשאַפן די מענטשן — די ווייסע און די שוואַרצע. נאָכדעם האָט דער גייסט אַראָפּגעלאָזן פון הימל צוויי קערב, אַ קליינעם און אַ גרויסן; די שוואַרצע מענטשן האָבן געכאַפּט דעם גרויסן קאָרב און דאָרטן געפונען אַ יעטאַייזן אויף צו באַאַרבעטן די ערד און פיילן מיט אַ פיילנבויגן צום געיעג. די ווייסע האָבן גענומען דעם קליינעם קאָרב, האָבן זיי דאָרט געפונען אַ בוך, פון וועלכן זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אַזוי פיל חכמה, אַז זיי האָבן אַריבערגעשטיגן די שוואַרצע. אַחוץ דעם גרויסן גייסט, איז די גאַנצע וועלט פול מיט גייסטער; זייער גנאָד קען מען דערוועקן סיידן מיט קרבנות.

דער מכשף פאַרנעמט ביי זיי אַ גרויסן אָרט. די נעגערס גלייבן, אַז קראַנקהייטן און צרות, ווי הונגער, טריקעניש, זיינען אָנשיקענישן פון שלעכטע מענטשן; דעריבער

רופן זיי דעם מכשף, ער זאָל געפינען דעם שולדיקן. ביי די נעגערס איז פאַרשפּרייט אַזאַ סגולה צו געפינען דעם שולדיקן: דעם מענטשן, אויף וועמען עס איז געפאַלן דער חשד, גיט מען טרינקען סם; בלייבט ער לעבן,—איז אַ סימן, אַז ער איז ניט שולדיק. די מכשפים היילן אויך פון אַלערליי קראַנקהייטן; זיי ווייסן טאַקע אַ סך הייל־קרייטעכער, אָבער מערסטנטיילס ברענגען זיי שאָדן.

— די נעגערס זיינען זייער פריילעכע, גוטמוטיקע, קענען זיך צופּאַסן צו די ערגסטע באַדינגונגען און דורכהאַלטן. זיי האָבן זייער ליב מוזיק און טענץ. זיי האָבן פאַרשיידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, נאָר מער פאַר אַלץ איז ביי זיי פאַרשפּרייט די פּויק; אַ נעגערישע פּויק שטעלט פאָר אַ כלי מיט אַ לאָך, וועלכע איז באַצויגן מיט פעל. אַז די נעגערס דערהערן די קלאַנגען פון דער פּויק, מעגן זיי האַלטן אינמיטן דער אַרבעט, וואַרפן זיי זי אַוועק. עס טרעפט אַז אַ נעגער טראָגט אַ משא, וואַרפט ער זי אַראָפּ, דער־הערנדיק די פּויק, די פרוי וואַרפט אַוועק די מילשטיינער — און זיי גייען טאַנצן.

יעדע קלייניקייט רופט ביי די נעגערס אַרויס אַ געלעכטער; אַ רייזנדער דערציילט, אַז אים איז אויסגעקומען צו גיין אין וועג מיט אַ קאַראַוואַן, וואו ס'איז געווען אַ סך טרעגער נעגערס. פלעגט טרעפן, אַז ביי איינעם פלעגט אַראָפּפאַלן די משא, אַ אַנדערער פלעגט זיך פאַרטשעפּען אָן אַ צווייגל, פלעגט זיך דערהערן אַ הילכיקער געלעכטער.

די נעגערס צעטיילן זיך אויף אַ סך שבטים, און יעדער שבט האָט זיין פירער.

מיט די אייראָפּעער זיינען די נעגערס באַקאַנט פון לאַנג. ניט ווייניק צרות איז אויסגעקומען די נעגערס אויס־

צושטיין פון די ווייסע. אַז די אייראָפּעער האָבן אַנטדעקט אַמעריקע און האָבן זיך דאָרט באַזעצט, האָבן זיי די אײַנוואוינער פון אַמעריקע — די ווילדע אינדיאַנער, געצוואונגען צו אַרבעטן אויף די פעלדער און אין די גאָלדגרובן. די אינדיאַנער זיינען ניט געווען געוויינט צו אַזאַ שווערער אַרבעט (פריער פלעגן זיי זיך דערנערן פון פיש פאַנגען און יאַגד), פלעגן זיי קראַנק ווערן און מאַסנווייז אויסשטאַרבן. דאַן האָט איינער אַ בישאָף לאַסקאַזאַס געגעבן אַן עצה, מע זאָל ברענגען פון אַפריקע די נעגערס, וועלכע זיינען פיל שטאַרקער פאַר אינדיאַנער און באַוואוסט פאַר גוטע ערדאַרבעטער. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן, און אויף די נעגערס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אומגעהייערע אומגליקן. ס'איז געגרינדעט געוואָרן ביי די ברעגעס פון אַפריקע סטאַנציעס, וואו מע פלעגט ברענגען פון גאַנצן לאַנד געפאַנגענע נעגערס צו פאַרקויפן פאַר קנעכט. מע פלעגט אָנפאַלן אויף פרידלעכע נעגער-דערפלעך און אַוועקשלעפן די איינוואוינער אין געפענגעניש. פון די סטאַנציעס פלעגט מען פאַקן די נעגערס אין שיפן פונקט ווי סחורה און אַוועקשיקן קיין אַמעריקע. אויפן וועג פלעגן די אומגליקלעכע נעגערס אויסשטיין די שרעקלעכסטע ליידן; פיל פלעגן ניט קענען אַריבערטראָגן די צרות און זיינען געשטאָרבן אויפן וועג. די טויטע און אָפט די שוואַך-קראַנקע פלעגט מען אַריינוואַרפן אין ים, וואו אויף דער רויב פלעגן שוין וואַרטן די הייפיש. אַז מע פלעגט זיי ברענגען אויף אַן אָרט, פלעגט זיך אָנהייבן דער שענדלעכער פאַרקויף: מע פלעגט צעשיידן עלטערן פון קינדער, מע פלעגט זיי קוקן אין די ציין אָדער טאָפּן, פונקט ווי פערד.

ניט בעסער פלעגט זיין די לאַגע פון די נעגערס, די-

קנעכט ביים באַלעבאָס דעם פּלאַנטאַטאָר. די אַרבעט אויף די פּלאַנטאַציעס פלעגט זיין אַ שרעקלעך שווערע, זי פלעגט זיך ציען 16 שעה אַ טאָג און אָפט מערער, אונטער די הייסע זונענשטראַלן און דער בייטש פון אויפזעער. האַלטן פלעגט מען זיי אין שטאַלן פּונקט ווי בהמות, עסן פלעגט מען זיי געבן פון דאָס ערגסטע, קוים די נשמה צו דער־האַלטן.*) אַזוי האָבן די נעגערס געליטן זייער לאַנג.

אין סוף פון 18־טן יאָרהונדערט האָט מען אָנגעהויבן אין פיל טיילן פון אַמעריקע צו באַפרייען די נעגערס. לענגער ווי אומעטום האָט זיך געהאַלטן די קנעכטשאַפט אין דרום־אַמעריקע, ווייל דאָרטן זיינען געווען אַ סך רייכע פּלאַנטאַטאָרס, וועלכע האָבן ניט דערלאָזן די באַפרייאונג.

אין יאָר 1861 איז פאָרגעקומען אַ מלחמה צווישן די צפונדיקע און דרומדיקע שטאַטן פון אַמעריקע צוליב דער באַפרייאונג פון די נעגערס. די מלחמה האָט זיך געענדיקט אין יאָר 1865 מיטן נצחון פון צפון, און די נעגערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען באַפרייט געוואָרן. די קנעכט־שאַפט איז אָבער געבליבן אין אַפריקע גופא, די קנעכט־הענדלער פלעגן נאָכדעם אַרויספירן די קנעכט קיין אַזיע. ביז די אייראָפּעאישע מלוכות, וועלכע האָבן קאָלאָניעס אין אַפריקע, האָבן סוף־כל־סוף פאַרבאָטן אַרויספירן די נעגערס פון דאָרטן און האָבן איינגעשטעלט אַ קאָנטראָלע איבער די שיפן, וואָס גייען אָפּ פון אַפריקע, כדי ניט דורכלאָזן קיין געפאַנגענע נעגערס.

---

*) גענויער וועגן דער גרויזאַמקייט פון די קנעכטהענדלער און די אומגליקלעכע, אויסגעמאַטערטע קנעכט קען מען געפינען אין בוך פון ביטשער סטאָו „דער פעטער טאָם".

די נעגערס זיינען זייער לעבנספעאיקע; ניט קוקנדיק אויף אַזוי פיל רדיפות, אויף אַזוי פיל געיעגן אויף זיי, נאָך וועלכע גאַנצע געגנטן פלעגן וויסט ווערן פון מענטשן, זיינען זיי ניט נאָר ניט אונטערגעגאַנגען, ווי אַנדערע ווילדע פעלקער ביים אָנקומען פון די אייראָפּעער, נאָר זיי האָבן זיך אַפילו ניט פאַרקלענערט אין צאָל.



א נעגערישער דערפל אין מיטל-אפריקע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז קיין גוטס האָבן די נעגערס ניט געקענט זיך אָפּלערנען פון די אייראָפּעער, נאָכדעם ווי זיי האָבן ביי זיך געזען דאָס פסולת פון אייראָפּע — די קנעכטהענדלער. זייער גאַסטפריינדלעכקייט און אָרנטלעכקייט ווייזן די נעגערס אַרויס נאָר צו זייערע אייגענע ברידער; די אייראָפּעער קענען דערויף ניט האָפן.